STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10901

DOS ROYMISHE REKHT EKZISTIRT NISHT MER

Louis Aragon

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק

לואי אראגאן

דאס רוימישע רעכט עקזיסטירט נישט מער

דערציילונג

יידיש: ב. שלעווין

פאריז — 1949

הילע געצייכנט משה'קע באַחעלפער

אַרויסגעגעבן דורך דער אָרגאַניזאַציע
פּוילישע יידן אין פראַנקרייך

אַדרעס פון פאַרלאַג:
O. J. P. FRANCE, 14, Rue de Paradis, Paris-X.
Téléphone : TAltbout 42-07

דער 5-יאָריקער יובילײ לכבוד דער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פּוילישע יידן אין פראַנקרייך זייט דער באַפרייאונג ווערט געפייערט דורכן פאַרלאַג יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק מיטן צוטראָגן אַ מתנה דעם יידישן לייענער די דערציילונג פון גרויסן פראַנצויזישן שרייבער לואי אַראַגאָן — אין דער איבערזעצונג פון ב. שלעווין.

דאָס איז דאָס זיבעטע בוך, אַרויסגעגעבן דורך דער יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק.

אונזער פאַרלאַג איז יונג, אָבער דאָך האָט ער שוין צו פאַרצייכנען באַדייטנדיקע דערגרייכונגען ביים העלפן אויפבויען דעם חורבן פון דער יידישער קולטור.

אונזערע ביכער זענען שטענדיק עסטעטיש אַרויסגעגעבן.

די טעמאַטיק און פּראָבלעמען זענען: דאָס לעבן און קאַמף פון די יידישע מאַסן. געשריבן דורך יידישע שרייבער, ווי: ב. מאַרק, י. שפּיגל, דיאַדיאַ מישאַ (אינזש. גילדמאַן), משה שולשטיין און אַנדערע.

מיט דער דערציילונג פון גרויסן פראַנצויזישן שרייבער, לאוי אַראַגאָן, מאַכן מיר דעם באַשיידע־נעם אָנהויב, צו באַקענען דעם יידישן לייענער, מיט דער מאָדערנער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

מיר זענען איבערצייגט, אַז די יידישע פאָלקס־מאַסן אין לאַנד און אויסלאַנד, וועלן וואַרעם אויפ־נעמען אונזערע באַמיאונגען, און אונז העלפן, אין דער הייליקער אַרבעט פון אַרויסגעבן און פאַר־שפרייטן דאָס יידישע וואָרט.

פאַרלאַג יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק.

פאַריז, אָקטאָבער 1949.

פרייקן לאַטמע מיללער
האָט דאָס וואָרט

I

פאַר אַ מיידל פון מיין שניט איז דאָס קליי־נע פראַנצויזישע שטעטל שרעקלעך לאַנגווייליק. גאָרנישט כמעט איז דאָ פאַראַן וואָס צו זען. די מענער זיינען קליינע און שוואַרצע און די קרעמער — אַזוי קריכעריש, אַז כ׳וואָלט זיי אַלע געשמיסן. קיין מוזיק איז אין ערגעץ נישט צו הערן. פון אונדזער גאַרניזאָן רעדט מיר בעסער נישט — די יונגעליט פון שלעזיע זיי־נען שווער, לאַנגווייליק און קאָמיש: אַלע מאַכן זיי אייך קאָמפּלימענטן אויפן זעלביקן שטיי־גער. גאָר אַנדערש איז ווען די קליינע פופּכיען איז דאָ געווען. זי איז געווען אַ מאָדנע, זי האָט מיר געלייענט אירע בריוו. זי איז טאַקע נישט געווען אויסערגעוויינלעך, אָבער זי האָט פאַרמאָגט אין זיך שלעכטסקייט. זי האָט גע־רעדט ווי מ׳באַדאַרף צו זיין וועגן מענער און דאָס זען אונדז אַלעמאָל בייזאַמען, האָט עפּעס צוגעגעבן אַ באַזונדערקייט.

פאַר דער צייט זיינען די איטאַליענער איינ־געשטאַנען אין „האָטעל צענטראַל”. זיי האָבן שיינע אויגן. פון זיי איז גאָרנישט אַרויסגעקו־

מען. ווי האָבן זיי דען אויסגעזען, ווען מען האָט זיי אַלע אװעקגענומען, געהיטן בלויז דורך איין אונדזעריקן, אויף הונדערט זייערע? אַ רחמנות, כ׳לעבן.

פאַראַנען דאָ אַ ספּאָרט־מאַגאַזין, ווו מען געפינט סוועטערלעך פון שיינעם וואָל. אָבער נישט פון מיין געשמאַק. צען שטיק האָב איך אַנומלטן איבערגעשיקט קלערכען. איר קליידט עס נאָך ערגער פון מיר. זי האָט מיר געשריבען, אַז איך בין אַ מלאך. דאָס זיינען באמת שיינע מתנות; ווען מען טראַכט, נאַטירלעך, ווי לייט, דאָ, וואָס נויטיקן זיך אין אַלעם, ווייל זיי קענען איינקויפן נאָר אויף באָנען, פונקטן און — דער טייוול ווייסט וואָס זיי דאַרפן נאָך אַלץ. זיי גייען אָנגעטאָן אָרעם, און לאַמעס. די פרויען זיינען איבערהויפּט נישט עלעגאַנט, ווי מען האָט עס אונדז באַזונגען. אפילו נישט שיין. מאָגערינקע. די שלעזיער, נאַטירלעך, זיי געפעלט עס דווקא. זייער געשמאַק.

אין דער עלעגאַנטער קאַפע „דאָפינוא״, ניט ווייט פון פלאַץ „דער גאָלדענער גלאָק״, אַביסל ענלעך צו אונדזער „טריאַנאָן״ — גיי איך נעמען מיין קאַפע, פאַרן אומקערן זיך אין ביוראָ. די קאַפע איז, שטעלט אייך פאָר, נישט קיין עכטע מאָקאַ. ס׳איז דאָ אומעטיק. ס׳פעלט אַן אָרקעסטער, וואַלסן. קליינשטעטלדיקע לאַנגווייליע. די זעלבע קליענטן טרעפן זיך דאָ יעדן טאָג און די גאָלדענע יוגנט — אַ צוויי־דריי יונגעלייט — קוקט נאָך פונדערווייט די עלטלעכע פרויען פון קליינע באַאַמטע, נישט פון

דער ערשטער יוגנט... אָך, גאָט, און דאָס הייסט ביי זיי נאָרמאַל. און דער בובי שרייבט מיר אַלץ פון רוסישן פראָנט, אַז ער וואָלט ליבערשט זיך געוואָלט געפינען ערגעץ אין די קאַנטן. ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט.

דער איינציקער גוט־דערצויגענער מאַן דאָ איז דער אָפיציר פון געשטאַפּאָ, אַן אָבערלייטענאַנט, וואָס האָט עפּעס אַ באַזונדערן בליק. כ׳איז אַ מענטש מיט ליטעראַרישן געשמאַק. ער האָט מיר אויסגעבאָרגט אַ פראַנצויזישן ראַמאַן, כ׳געדענק שוין נישט גענוי ווי ער רופט זיך דאָרט. ס׳איז פון אַ גרויסן פראַנצויזישן שרייבער, וואָס איז אונדזערער אַ פריינט. טראָץ דעם, וואָס איך האָב לאַנג געוווינט אין דער שווייץ, האָב איך דאָרט גאָרנישט פאַרשטאַנען. דער אָבערלייטענאַנט האָט מיר געפרעגט: „כ׳איז אַביסל צו דראַסטיש, אַ?". איך האָב עס נישט איינגעפונען. איך האָב אַן אַנדערע פאָרשטעלונג וועגן די זאַכן. די פראַנצויזען רעדן קיינמאָל נישט דירעקט; און איך האָב ליב מען זאָל זיין מיט מיר דירעקט. ס׳איז מיין געשמאַק. נישט, נאַטירלעך, ווי די שלעזיער. ביי זיי קענט איר לאַנג וואַרטן! אָבער דער אָבערלייטענאַנט... כ׳בין, זעט אויס, נישט פון זיין טעמפּעראַמענט. אויסער דעם איז ער שטאַרק פאַרנומען אויך: זיין ספּעציאַליטעט זיינען — די יידן. ער געפינט זיי אויס פון אונטער דר׳ערד. מען וואָלט געזאָגט, אַז זיי ווערן ביי אים געבוירן. ער לאָזט זיי אָבער אויך שטאַרבן...

מיר זיינען זעכצן מיידלעך צוזאַמען אין
האָטעל מעטראָפּאָל. אין אָוונט הערן מיר ראַ־
דיאָ. מיר באָדן זיך צוזאַמען און איינע די אַנ־
דערע רייבט איין די פּלייצע. איך בין שוין
איבערגעוואַקסן דעם עלטער פון אַ פּאַנסיאָן־
מיידל. בלויז איין פּופּכען איז געווען אַ ווילע.
איז זי אין פּאַריז, שרייבט נישט. מסתמא פאַר־
ווילט זי זיך דאָרט נישט שלעכט. איך לאַנג־
ווייליק זיך דאָ, ווען איך טראַכט, אַז אַנדערע
אַמוזירן זיך. אָ, ווי לאַנגווייליק !

דער איינציקער גוטער מאָמענט אין טאָג
איז, ווען עס גייט דער טריבונאַל. זייט ווען
איך בין די סעקרעטאַרין פון קאָמאַנדאַנט פאָן
ליטוויטס־ראַנדאו, זווין איך ביי דריי מאָל אין
וואָך די סעאַנסן פון טריבונאַל. דער קאָמאַנ־
דאַנט איז מיליטערישער ריכטער. אַ שאָד, וואָס
ער איז נישט מער אַזוי יונג. אין טריבונאַל
זע איך אַזעלכע לייט, וועלכע כ׳וואָלט זיכער
קיינמאָל נישט אָנגעקוקט. פּראַנצויזן, קאָמו־
ניסטן, מערדער. אויך אונדזעריקע, סאָלדאַטן,
וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט צו טאָן, וואָס
מען דאַרף נישט, דעזערטירן. טשעקאַווע, איך
פאַראַכט די דעזערטירן, אָבער זיי אינטערעסירן
מיך. געווען איינמאָל אַן ס. ס., וואָס איז גע־
שלאָפן מיט אַ יידישקע...

דער קאָמאַנדאַנט, נאַטירלעך, איז צו מיר
באַזונדערס ליבלעך. ער איז אָבער נישט אינ־
גאַנצן דירעקט. ער איז געשטערט, דער מענטש.
ער וואָלט נישט געוואָלט מען זאָל וויסן דער־
פון. אָבער מיך... וואָס גייט עס מיך דען אָן,

צי מען ווייסט ? ער וואָלט נאָר געמעגט זיין אַביסעלע מער ברוטאַל און — אַ ביסעלע יונ־גער. זיין פּנים איז אָן אויסדרוק, בלאָנד, מיט קנייטשלעך ארום די אויגן. ער קען נישט אַזוי גוט פראַנצויזיש ווי דער אָבערלייטענאַנט פון געשטאַפּאָ. פון צייט צו צייט פרעגט ער ביי מיר אַ וואָרט, אַ גאַנץ געוויינלעך וואָרט. איך האָב חשק אים אונטערצוזאָגן דאָס אמתע ווער־טעלע, ער וואָלט עס דערנאָך זיכער איבערגע־חזרט אויפן הויכן קול פאַר די באַשולדיקטע. איך וועל עס אָבער נישט טאָן, ניין. איך בין אַ פּאַרטיי־מיטגליד. איך ווייס נישט צי דער קאָמאַנדאַנט... צי די דאָזיקע אַריסטאָקראַטישע פּאַמיליעס, פאַרשטייען איבערהויפּט אונדזער סאָציאַליזם, אונדזער פירער. איך פרעג זיך אָפּט צי דאַרף איך זיין די געליבטע פון קאָ־מאַנדאַנט פאָן ליטווינס־ראַנדאו... איך וועל שרייבן דערוועגן בובי, פרעגן ביי אים זיין מיי־נונג. ער איז דאָרט פּעאיק צו לאָזן זיך טויטן פון די באָלשעוויקעס, דער אָרעמער בובי ! איך שטעל מיר געננוי פאָר, ווי ער וואָלט אויסגעזען מיט איין פוס, דאָס וואָלט אים צוגעגעבן עפּעס אַ באַזונדערקייט. ער איז זייער סימעטריש געב־בויט. מיך לאַנגווייליקט אַזאַ רעגולערע שיינ־קייט. דערפאַר אָבער איז ער דירעקט, בובי, שוין איינמאָל ! שיינע מתנות האָט ער מיר געב־שיקט פון אָדעס. איך וואָלט באַדאַרפט אַזאַ וואָס זאָל פאַרמאָגן אין זיך עפּעס פון בובי און עפּעס פון פּופּכיען. און אָט איז גאָר אריינ־געפאַלן אינדער־מיט דער פאָן ליטוויטס־ראַנ־

דאָ... וואָס איך לאָז זיך אָן, ס'איז אָבער־פונדעסטוועגן לאַגווייליק.

כ'וועל ביי בובין גאָרנישט פרעגן וואָס שייך דעם קאָמאַנדאַנט. ער מוז אָבער, צום ביישפּיל, אויסלערנען זיך זיין אַביסעלע מער דירעקט. אַ פּרוי האָט דאָס רעכט צו זיין אַביסעלע געשלאָגען. אָן דעם, נאָכוואָס, צום טייוול, זיינען די מענער? ס'איז לאַנגווייליק. איך קען פונדעסטוועגן נישט אויספּילן מיין צייט ביים פּריזיער צו לאָזן זיך גיסן אויפן קאָפּ די פּאַרפומען, לאָזן זיך מאַסאַזשירן דאָס געזיכט מיט די קרעמען דורך די עלאַסטישע פינגער פון סימפּאַטישן אַרמענער. לאָמיר פּרוּוון דעם קאָמאַנדאַנט. נאָך אַלעמען, די עלטער... איז דער עיקר וויכטיק ביי פרויען... מען פאַרמאַכט די אויגן און פאַרטיק.

וואָס די טריבונאַל־געביידע דערמאָנט אַלץ

II

דער טריבונאַל פון די דייטשן געפינט זיך אין אַ ריזיקער געביידע, אַן אַלטע, פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. די געביידע איז הויך און זשאַווערנדיק און מאַכט די אַרומיקע געמעלער נאָך ענגער. זי שטייט אין ליכט און אין שאָטן, פאַרמאָגט אין פאַסאַד שניצערייען, וואָס זיינען אָן שום ספק סימבאָליש: הערקולעסן, סאַטירן פון פינצטערן שטיין און ריזיקע

פּרוכט־קוישן .אַ סטיל, וואָס איז דער איבער־גאַנג פון מיטלאַלטער צום רענעסאַנס. אונ־טערן טיפן דאַך זיינען פאַראַנען פאַרלאָזענע געמטן, ווו קיין פייגעלעך קומען קיינמאָל מער נישט באַזעצן זיך.

אינעווייניק זיינען די זאַלן הויכע, געוועלב־טע. די קאָרידאָרן פון דעם מאָדנעם הויז טראַ־גען, דוכט זיך, דעם צייכן פון באַראָק־סטיל, אָבער די ליניעס פאַרלירן זיך ערגעץ צווישן די שווערע טירן אויף די אָפּגענוצטע זאַוויאַ־כעס מיט די פאַרקראַטעוועטע יודאַש־פענצ־טערלעך. די ברייטע, מאַסיווע שטיגן און די הילצערנע גאַלעריעס פירן צו די טונקעלע זאַלן, פונוואַנען די טעפּיכער זיינען מיט דער צייט פאַרשוווּנדן און פאַרבליבן זיינען בלויז די קאַלטע שטיינער. אויף וואָס פאַראַ אופן איז דאָס לעבן דאָ אַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן, לאָ־זענדיק, דוכט זיך, עפּעס אַזאַ ווייטן אָפּשיין אין די טונקעלע שויבן? געשען איז עס אוודאי אין די טעג פון דער שפּאַנישער אָקו־פּאַציע, די איינציקע, די ריכטיקע, ווען וואַ־לענטינוא, דער זון פון פּויפּסט אַלעקסאַנדער, האָט דאָ געוואַנדערט פון זאַל צו זאַל, אַ מאָ־גערינקער, אַ שוואַרצער, געל פון פיבער, העצנ־דיק זיינע דינער צו מאָרד און צו רויב; אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס האָט אים געהערט, האָט ער געמישט און אויסגעפּרווּוט די גיפטן, וואָס האָבן אים שפּעטער באַדאַרפט העלפן צו באַהערשן איטאַליע. דאָ האָבן זיך זיינע מענט־שען געאיבט מיטן שטילעט און מיט דעם

שטריק צום דערוווערגן. דאָ האָט אַ געמיש פון פעלקער, שווייצער, מאָרן, בערג־לייט און סאָל־דאַטן, געגרייט זיך צו דער שלאַכט פאַר דעם, וואָס האָט זיך אַליין אָנגערופן צעזאַר. אייד־דער די געשעענישן האָבן זיך אויפגעוויקלט אויפן רוימישן טעאַטער־פּלאַץ, זיינען דאָ די איבונגען געווען נישט מער ווי אַ בלוטיקע רע־פּעטיציע, פון וועלכע די געשיכטע וועט קיינ־מאָל גאָר נישט וויסן. אין יענע צייטן האָט אַ מענטשלעך לעבן געהאַט אַ קנאַפּן ווערט, אין פאַרגלייך מיטן גרויסן וואָרט, אָדער מיט אַ בילד פון פלאָרענץ, צי פון סיען. אין יענע צייטן האָבן די צאַג־הינט אוועקגעפּגרט אין קיך, נאָכן אויפפרעסן די רעשטלעך פון אַ פאַרסמטן מענטש און מען האָט נאָך אים, דעם דאָג, געמאַכט אַ פייערלעכע פאָלקס־לויה.

דאָס אַלץ שפּיגלט אָפּ די נאַכט אויף די סו־פּיטן, אין מאָרישן סטיל; דאָס און נאָך אַנדע־רע זכרונות, ווי די פון דער קעניגלעכער קור־טיזאַנע, וואָס האָט דאָ צו אַכט און פופציק יאָר ארומגעשפּאַצירט אַ נאַקעטע פאַרן פאַר־זאַמלטן הויף, זייענדיק זשענירט בלויז מיטן לייכטן קנייטשל אויפן האַלדז, פאַרשטעלט מיט סאַמעט און מיט אַ פינקלנדיקן טאָפּאַז.

גאָרנישט שרעקט אונדז אָפּ, ווי איר זעט. מיר קענען געניי די געשיכטע און די טראַ־דיציעס פון אונדזערע שטאָטנדיקע געביידעס. ווי איר זעט, האָט איר גאָר קיין נייעס נישט דער־פינדען, אָרעמע, קריכערישע באַשעפענישן, אין ווינקל פון גרויסן זאַל, אָרום טיש מיטן שטוים

פּאַפּירן, ווו צוויי באוואָפּנטע זעלנער, מיט אויטאָמאַטן, אין פעלדגראַו, פּייניקן די פּרוכט־הענדלער, די דינסט־מיידלעך, די אַרבעטער פון אַרסענאַל און די פּויערים. עס פרעגט זיך נאָר פאַרוואָס מאַכט ער נאָך דעם אָנשטעל פון משפּטן אין נאָמען פון דער גערעכטיקייט, אונ־טערן פּאָרטרעט פון זייער הויפּטלינג, וואָס פאַרנעמט דאָס אָרט פון קריסט ביים צעזאַר באָרדזשיאַ, — דער מענטש אין די פינקלנדיקע אויגן־גלעזער, אין גרוי און אין גרין? די פרוי אין אוניפאָרם מאַכט נאָטיצן, ווען מען פירט דאָ אַריין אַ פרישן אַרעסטירטן און דער סאָלדאַט פאַרייסט די האַנט צום היטלער־גרוס. די פעדער נעמט זיך באַלד ווידער קריי־צען איבערן פּאַפּיר, אונטער דער נאָז פון דער פעטלעכער מויד מיט די ווייסע ליפּן — פריילין מיללער, אָדער לאָטטע — פאַרן קאָ־מאַנדאַנט פאָן ליטוויס־ראַנדאַו — ווען זיי זיי־נען אויג־אויף־אויג, אָן די באוואָפנטע סאָל־דאַטן, אָן דעם געריכטס־אַפּאַראַט, אָן די ראַ־פּאָרטן פון אָבער־לייטענאַנט, וואָס קען אַלע פעפערדיקע אויסדרוקן אין פראַנצויזיש; ווען זיי געפינען זיך מער נישט אין אָנגעזיכט פון פאַרגאַנגענע דורות אין די הויכע זאַלן, ווו עס נעסטיקן פלעדער־מייז. דער פּאָרטרעט פון היט־לערן איז דאָן שעמעוודיק פאַרהאָנגען מיט די אונטער־הויזן פון מאַדמואַזעל לאָטטע מיללער. זי פאַרמאַכט די אויגן, נישט צו זען פאַר זיך פאָן ליטוויטס־ראַנדאַו, וועלכער טוט אויס דעם מאָנאָקל.

„ווי באליבט מיר זיינען בײ די עכטע פראנצויזן"...

III

ווו האָב איך דען געקענט אַוועקלייגן מיין מאָנאָקל? איך זע מער גאָרנישט פאַר זיך. דערפאַר אפשר זעען מיר אַלע פרויען אויס גלייך. אַלע זיינען זיי גאָרנישטן, די לאָמטע ווי די אַנדערע. אָט איז ער, מיין מאָנאָקל. טשיקאַווע, צי אַלע קורצזיכטיקע זעען פרויען אויפן זעלבן אופן. איינע איז זיכער נישט בעסער ווי די אַנדערע. לאָמטע, אָדער טרודע. בלויז אין די ראָמאַנען זיינען די פרויען פאַרשידן. ס'איז אפשר אויך אַ פראַגע פון דער גראַד קורצזיכטיקייט. אָבער נישט ביי יעדער געלעגנהייט קען מען דאָך טראָגן דעם מאָנאָקל.

ס'איז נאָך גענוג קיל היינטיקן פרימאָרגן. אין „פעלקישן באָאָבאַכטער" האָב איך געלייענט זייער אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל איבער דער עוואָלוציע פון דייטשן רעכט. אינטערעסאַנט, ווי ס'פּאַלן זיך אַקוראַט צונויף די מיינונגען, וועלכע כ'האָב אַרויסגעזאָגט נאָך אין 1925, — אַלזאָ אַכט יאָר פאַרן קומען צו דער מאַכט פון אונדזער פירער — אין מיין טעזע „דע יורע גערמאַניקא". דאָס באַווייזט,

אַז כאָטש מען קוקט אויף מיר אַביסל פונדער־זייט, איז צווישן מיר און דעם נאַציאָנאַל־סאָ־ציאַליזם שוין זייט לאַנג פאַראַן אַ טיפערע פאַרבינדונג. כ׳האָב עס אַנומלטן געזאָגט אָט דעם יונגען לייטענאַנט, וואָס דרייט זיך אַרום לאָטטען, באַרגט איר אוים ביכער און איז נאָך אין דער אמתן גאַנץ ווייט פון מיין געדאַנקען־גאַנג.

האָט ער זיך ווילד פונאַנדערגעלאַכט, זאָגנ־דיק, אַז ס׳איז פאַראַן נאָר איין און איינציקע דייטשע קאָנצעפּציע, וועלכע געהערט דעם כבוד פון ביסמאַרקן: די קראַפט גייט פאַרן רעכט. קודם געהער די קאָנצעפּציע נישט אינגאַנצן ביסמאַרקן און דער עיקר — זי דריקט נאָר אוים איין פאַקט, נישט די פאַרבינדונג צווישן פאַקטן און קען נאָר אין בעסטן פאַל דינען ווי אַן אַרגומענט. דער דאָזיקער יונגער לייטענאַנט זעט נישט, אַז ער איז פאַר דייטשלאַנד נוצ־לעך נישט בלויז צו באַרעכטיקן דעם זיג, נאָר אויך אין פאַל פון אַ מפּלה — צו פאַרמאָגן אַ קרינגס־מאַשין קעגן פיינט; אָט וואָס איך רוף אָן דייטשע רעכט, יוס גערמאַניקום. און איך דאַרף אים נאָך מוטיקן צו זיין פעסט און צו גלויבן אין זיג. אַ געפערלעכער יונגערמאַן, נאָך אַלעמען. כ׳וועל אָנזאָגן לאָטטען צו זיין מיט אים אַביסל פאָרזיכטיקער.

וואָס שייך רעכט, מוז מען זאָגן, איז אונדזער פירער היפּש באַאיינפלוסט. דאָס אָפּלייקענען אַלע געזעצן פאַרן וויל פון פאָטערלאַנד, איז אַן אַלטע דייטשע מידה. זי איז נאָענט צו די קאָנצעפּציעס

פון רעכט — וועלכע מען קען היינט ביי אונדז אזוי ווייניק — נאָך פאַר די צייטן פון זיגמונד און זיגעלינד, ווען צו ראַטעווען די עקזיסטענץ פון דער ראַסע, איז די אַמאָראַל געווען באַרעכטיקט ווי מאָראַל. עס האַנדלט זיך צו שאַפן אַזינד נייע יורידישע באַגריפן, צום ווויל פון פאָטערלאַנד און וועלכע קענען אָבער ביי אַ דורכפאַל אויס־דרייען זיך קעגן אונדז. אין דעם באַשטייט דער ציל פאַר אונדז, יוריסטן, פון דער אַלטער שול, אָנגעשלאָסענע צו די נייע אידיי. נאַטירלעך, פאַר־שטייען עס נישט די יונגעלייט פון דער שטאַטס־פּאָליציי; זיי דערשאַצן נישט די קראַפט פון וואָרט, צו קירעווען עס צום נוצן פון דייטשלאַנד, ווי אונדזער פירער, האָט עס, איבעריקנס, אַלע־מאָל געטון, זייט יאָרן.

איבער זיין ביישפּיל לוינט זיך נאָכצודענקען. פאַראַנען אַפילו פּראַנצוויזן, וואָס פאַרשטייען אים. מיר פאַרגעסן עס אָבער אָפט, זאָג איך צו לאָטטען. מיר זעען, נאַטירלעך, בלויז דעם אָפּ־פאַל אין טריבונאַל. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז אַלע פּראַנצוויזן זיינען ווירקלעך קעגן אונדז. ס'איז פולשטענדיק פאַלש. אין דעם זייער געלונ־גענעם רעפערעאַט האָט עס אונדז דר. גרים אויפ־געקלערט. ער האָט געלאָזן אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. די געדאַנקען זיינען אַזוי ווי קלאָרער געוואָרן. ס'איז פונקט אַזוי ווי איך וואָלט פּלוצים צוריקגעפונען מיין מאַנאָקל.

אויפן רעפערעאַט פון דר. גרים האָב איך לאָט־טען נישט מיטגענומען. מען דאַרף פונדעסטוועגן זיך נישט צופיל וואַרפן אין די אויגן. די פּריילכס

זיינען געווען צוזאַמען און אונדזערע סאָלדאַטן זיינען געברענגט געוואָרן אין מאַרש־אָרדנונג. זייער אַ געלונגענער אָוונט פון פראַנצויזיש־דייטשער פריינטשאַפט. ביי דער זייט פון אָרטס־קאָמאַנדאַנט פאָן טרייטשקע און אָפיצירן פון דער אַוויאַציע, זיינען אויך געזעסן פראַנצויזן אויף דער עסטראַדע. די דאָזיקע, פאַרשטייט זיך, זע איך קיינמאָל נישט אין טריבונאַל. אונדזערע פריינט, דער פאָליציי־פרעפעקט, דער בירגער־מייסטער, די ראַטמענער, דער שעף פון דער מיליץ, דער שעף פון דער פויערים־קאָרפּאָראַציע... דער דאָזיקער איז מיר זייער געפעלן. ער זעט גאָרנישט אויס ווי קיין פויער — אַ הויכער, אַ בלאָנדער, נישט זייער יונג. ער טראָגט אויך אַ טאָפּלטן נאָמען, ווי איך.. כ'האָב פאַרגעסן. דאָס דאַרף זיין ביי זיי אַ רע־פובליקאַנישער אַדל: וואַלדעק־רוסאָ, לערואַ־באָליע, פאנאר־לעוואסאָר, א. ד. גל. ער האָט גערעדט אין פראַנצויזיש, דר. גרים. ער רעדט גאָרנישט שלעכט, אָן אַן אַקצענט. ס'איז זייער וויכטיק פאַר דער דערציאונג. כ'האָב זייער ליב צו הערן אַ עכטן פראַנצויזיש. דר. גרים האָט פאַר דעם קריג זייער פיל אויפגעטון אין פאַריז פאַר דער דערנענטערונג פוןביידע לענדער. מען האָט נישט געוואַגט אים אויס־צווייזן פון לאַנד, אפילו ווען דער פאָלקס־פראָנט האָט מיט זיין האַס פאַרפאָלגט זיין עק־סעלענץ אָטאָ פאָן אַבעץ. ער האָט אונדז טאַ־קע איבערגעגעבן ווי באַליבט מיר זיינען ביי די עכטע פראַנצויזן, די, וואָס ווילן מער נישט פאַרטראָגן די יידישע הערשאַפט.

דער שעף פון דער פּויערים־קאָרפּאָראַציע האָט אים נאָכדעם געענטפערט. ער איז אַ וועטעראַן פון דער פראַנצויזיש־דייטשער פריינטשאַפט. ער איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען אויפן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין נירעמבערג און האָט געהאַט דעם כבוד פאָרגעשטעלט צו ווערן אונדזער פירער. דאָס באַווייזט נאָכאַמאָל די טיפע אינטואיציע פון אינדזער פירער פאַר נוצלעכע מענטשן. דער דאָזיקער ווייט נישט דורכשניטלעכער מענטש האָט פריער קיין שום וויכטיקע פּאָזיציע נישט פאַרנומען, איז געווען פאַרשטעקט ערגעץ אויף אַ נישט־אָנגעזעענעם אַמט און דאָס נאָך מיט אַזאַ שיינעם, גרויסן נאָמען פון רעפּובליקאַנישן אַדל. הערנדיק אים, האָבן מיר אַלע פאַרשטאַנען, אַז דאָס אמתע פראַנקרייך איז מיט אונדז, קעגן באָלשעוויזם און קעגן ענגלאַנד. מען זאָגט אַפילו, אַז אַן אָנגעזעענער גייסטלעכער האָט זיך דערקלערט גרייט צו גיין שלאָגן זיך אין די פאַרשנייטע רוסישע פּליינען, צו באַפרייען זיי, נאָר זיין טיפע עלטער דערלויבט עס אים נישט.

זי איז נאָכדעם געווען אויפגעבראַכט, לאָטטע. זי לאַנגווייליקט זיך מיט די איבעריקע מיידלעך. פונדעסטוועגן פאַרגעטערט זי מיך; „קעצכיען" — אַזוי רופט זי מיך. כ'האָב מער נישט געגלויבט, אַז אַזוינס זאָל מיר נאָך ווען נישט איז טרעפן. זייט 1917 האָט מיר נאָך קיינער אַזוי צערטלעך נישט גערופן. מיין טרודע האָט נישט ליב די אַלע צערטלערייען. ביי איר היים איך — „מיין שאַץ".

אין רעסטאָראַן-גאָרטן

IV

— „קעצכיען”! — מאַכט לאָטטע מיללער, אָנבויגנדיק זיך צו פאַריכטן אירע זאָקן — ווועסט מיר גיין ברענגען אַ גלעזל פון געשמאַ־קען „פין”.

אינדרויסן איז געווען שיין, נאָר אַביסל ווינטיק. זיי זיינען געווען צעלייגט אין טאָל פון רעסטאָראַן־גאָרטן און אין דער ווייטער רחבות האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ קליינער פלעק. דער רעסטאָראַן איז געווען היפש אָפּ־גערוקט און די דינערין דערהערט נישט, ווען מען רופט זי פון פּאַווילִיאָן און פון צוגעבויטן פליגל, וואָס איז זייט דער מלחמה צוגעשפּאַרט. הינטערן פּאַווילִיאָן איז געווען אַ שיינער גאָרטן, וואָס איז מער נישט אָפּגעהיטן געוואָרן, מיט מאָדנע פרעמדע פלאַנצן, וואָס קיינער ווייסט נישט ווי זיי רופן זיך. די פאַר־וואַקסענע, נישט־געפלעגטע קוסטן זיינען געווען די הויך פון אַ מענטש. אַלע טישלעך זיינען געשטאַנען ליידיק, אויסער איינס, הינטער אַ צעוואַקסענעם בוים, ווו עס זיינען געזעסן זייט ביי זייט צוויי פראַנצויזן. איינער פון זיי האָט געהאַט אַוועקגעלייגט זיין לעדערנע טעקע אויף דר'ערד. דער אַנדערער האָט געטראָגן

שוואַרצע שטיוול און ברוינלעכע הויזן פון אַ דעמאָביליזירטן. דעם ערשטן האָט מען כמעט נישט געזען. ער איז געווען פאַרשטעלט פון בוים הינטערן טישל.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָר געווען אַ קליינער פלעק אויף דער רחבותדיקער לאַנדשאַפט. לאָטע, שוין היפש שיכורלעך, מיט איר קורץ העמדל, אין די זיידענע זאָקן ביז אַרויף, האָט נישט אויפגעהערט זייטיק צו שיקלען צו די צוויי ליט דאָרט, וואָס האָבן געטרונקען ווייסן ווייַן, געשמועסט עפּעס פאַרטון צווישן זיך און געמאַכט כלומרשט דעם איינדרוק, אַז זיי באַמערקן זי נישט. זיי האָבן אויך אַזוי ווי נישט באַמערקט דעם קאָמאַנדאַנט פאָן ליט־וויטס־ראַנדאו, וואָס שפּילט זיך מיטן גרויסן, געלן הונט, גייענדיק באַשטעלן נאָך צוויי גלעזלעך פון געשמאַקן „פין". דאָס אַלץ איז געווען נישט מער ווי אַ פלעק אויף דער פראַנצויזישער לאַנדשאַפט, אין רחבותדיקן טאָל, וווּ ס'קייקלט זיינע וואַסערן אַ ברייטער טייך, גרוי אַפּילו אום זומער, ערטערווייז פעלזיק, מיט זיינע שאַרפע אויסבייגן און אייזערנע בריקן. פון איין זייט טיפע גראָזן, צעקעסטלטע פעלדער, דער טאָל, אַ פאַרפירערישע פּערספּעקטיוו און אינרערווייט — די שאַרפע אַראָפּהאַנגען פון די בערג. מען דאַרף היפש פאַרייסן דעם קאָפּ צו דערזען דעם געציינדלטן אויסשניט, די רואינען פון אַלטע שלעסער, ווי פאַרשטיינערטע פרעהיסטאָרישע באַשעפענישן, פאַרלוירן אין די הימלען. זייט דער אייז־עפּאָכע

זיינען די דאָזיקע בערג שוין דורכגעגאַנגען נישט איין שטורעם פון מענטש און פון דער נאַטור. זיי האָבן געזען דעם אָנפאַל פון פעל־קער־וואַנדערונגען, אינוואַזיעס, דאָס שרעקיקע אַנטרינען פון פרידלעכע שבטים. וויפל מאָל שוין האָבן די אַלפּן דאָ געזען אַראָפּנידערן די רייטוועגן פון פרעמדע, דאָס אויפשטייגן פון היכע, ווייסע מענטשן, באַוואָפנט מיט מעסערס און פיקעס? וויפל שיינע לידער זיינען דאָ פאַרקלונגען געוואָרן אין די טאָלן, דור איין, דור אויס? עס זיינען דאָ געווען רעליגיעזע מלחמות מיט די, וואָס האָבן געוואָגט צו האָבן אַן אַנדער מיינונג וועגן דער הייליקער בתולה מאַרי. ס'איז געווען די גרויסע שכרות פאַרן וואָרט „פרייהייט” ביי די בערג־לייט, ווען די פויערים און די פּאַסטוכער, די פּאָרגייער פון דער רעוואָלוציע און פון מענטשן־רעכט, האָבן מיט געקרייצטע שווערדן געגעבן זיך די גרויסע שבועה. דאָ איז אויפגעגאַנגען דאָס געשריי פון אַ פאָלק קעגן דער טיראַניי, ווען אין די שטעט האָבן פינצטערע קאַאַליציעס גע־גרייט זיך צו פאַרשקלאַפן אויף אייביק די, וואָס האָבן געענטפערט אויפן רוף פון די בערג.

הינטער זיי הויבט זיך לאַנגזאַם אויף דאָס פלאַכלאַנד אין טעראַסן, מיט גרינס־גערטלעך, פרוכט־ביימער, דורכגעשניטן פון וועגן. מען פילט די נאָענטקייט פון דער פאָרשטאָט, די בענזין־סטאַציעס, ווו עס פאָרן אָן די פאַרמע־ליקטע קאַמיאָנען. צו מערב־זייט הויבט זיך אָן די שטאָט, דער פאַרק צווישן די ענג־צוזאַ־

מענגעשטופּטע הייזער, די ניי־צוגעבויטע קוואַרטאַלן, ווו עס גייט פאַרביי דער בלויער אויטאָקאַר, די מאַגאַזינען, דער בילדינג פון „אוניפּרי", ביזן צענטער פון די אַלטע קוואַרטאַלן פון דער שטאָט. דאָס אויג פאַרלירט זיך אין דער לאַנדשאַפט און באַמערקט קוים די שנעלע אויטאָס, וואָס רוישן ווינטיק פאַרביי, וויל זיי גייען אויף רייגעם בענזין און זיינען באַזעצט פון אָפיצירן אין גרינע קאַסקן מיט ברוינע אָפּצייכנס. אויף די קרייץ־וועגן, אויף ביימער, אויפן דאַך פון גאַסן, הענגען הילצערנע פיילן־צייכנס מיט גאָטישע אותיות: ז. ק. וו. ערגעץ ווייט, איינגעהילט אין נעפּל, זעען זיך אויף די אָפּריסן שטעטלעך, וועלכע דער פּוס פון אָקופּאַנט האָט נאָכנישט באַטרעטן און ווער ווייס וואָס דאָרט ווערט צוגעגרייט אין דער שטיל...

„קעצכיען" — הילכט לאָטטע מיללערס שטים, מער צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די צוויי פרעמדע ביים קאָפּע־טישל, ווי אונטערצואײַלן פאַן ליטוויטס־ראַנדאַו, וועלכער האָט געלאָזן אַראָפּפאַלן דעם מאַנאָקל, שפּילנדיק זיך מיטן געלן הונט.

איינער פון די צוויי לייט, דער מיט די שטיוול, כאַפּט בסדר אַ בליק פון דער זייט אויף לאָטטען. ער גיט אים עפּעס איבער, דעם אַנדערן, פון אַ קליין נאָטיץ־ביכל, מישנדיק עס מיט אַן איינגענעצטן פינגער. דער אַנדערער באַשטעטיקט, רייסט אים איבער, נעמט די לע־

דערנע טעקע אויף די קני, זוכט עפּעס אינע־ווייניק.

פאָן ליטוויטס־ראנדאו קערט זיך צוריק, טראָגענדיק אויף א טאַץ פון ווייסן מעטאַל די קליינע גלעזעלעך מיטן געשמאַקן, גאָלדיקן „פּין”. פון די טרעפּלעך קוקט אים די באַדי־נערין נאָך.

— קוק! — רופט זיך אָפּ דער צווייטער, און באַווייזט אים פון דער טעקע דאָס פּינצ־טערע פּיסקל פון א רעוואָלווער — איך בין אַן ערשט־ראַנגיקער שיסער...

ביים אַנדערן קרימט זיך אוים די ברעם. אַזוי יעדנפאַלס האָט זיך געקענט אויסדרוקטן, ווייל אַלץ דאָ אַרום האָט זיך פאַרלוירן אין דער רחבותדיקער לאַנדשאַפט מיט די טייכן, בערג, מיט געשיכטע און לעגענדע — וועגן רעליגיעזע מלחמות און מלחמות פאַר דער פרייהייט.

— האַלט זיך אַביסל רואיקער, פּיליפּ — זאָגט ער, שאַרעווענדיק מיטן פוס די צעמאָלענע שטיינדלעך.

און די זון האָט זיך געשפּיגלט אין זיינע שטיוול.

— מיר וואָלטן, זאָגט פּיליפּ, געווען צוויי גוטע מכבי׳ער, מעגסט מיר גלויבן...

— נישט צוליב דעם, פּיליפּ, זיינען מיר אהערגעקומען, אַביסל דיסציפּלין. דאָס קען אַלץ קאַליע מאַכן. אַן אַנדערש מאָל.

— אַ שאָד פונדעסטוועגן — אָטעמט ער שווער אָפּ, מאַכט פאַרזיכטיק צו די טעקע און הייבט אויף די אויגן צום אַלטן שלאָס אין רואי־נען, נישט אָנצוקוקן מער דאָס פאָרל דאָרט, וועל־כע ס׳איז אַזוי לייכט צו דערגרייכן מיט אַ קויל. זיי פאַרגייען זיך דאָרט אין געלעכטערן, טרינ־קען. זיי מיינען אויף אַן אמת, ווי דער שעף פון דער פויערים־קאָרפּאָראַציע האָט עס פאַרזי־כערט, אַז זיי זענען זייער באַליבט דאָ אין לאַנד...

אָט דער ווילי פון "געשטאַפּאָ"...

V

פאַרלאָזנדיק דעם גאָרטן־רעסטאָראַן, האָט „קעצכיען" ווידער פאַרלוירן זיין מאַנאָקל. אַזוי געשעט ביי אים אַלעמאָל. פונדעסטוועגן האָט ער דער ערשטער דערזען דעם ווילי. ער קען אים נישט פאַרטראָגן, אָט דעם אָבערלייטע־נאַנט, וואָס האָט מיר געבאָרגט צו לייענען דאָס פראַנצויזישע ביכל. איך דערמאָן זיך שוין איצט דעם נאָמען פון אויטאָר: לודוויג... לודוויג פערדינאַנד סעלין!

ווילי איז דאַסמאָל געווען אין ציוויל. זייער עלעגאַנט אָנגעטון. ווו האָט ער ערגעץ דער־טאַפּט דעם פיינעם ענגלישן שטאָף? אויב דאָ אין שטעטל — מוז איך אים פרעגן ביי ווע־מען. „קעצכיען" איז פּלוצים בלאַס געוואָרן. ער האָט אַביסל מורא פאַר דער געשטאַפּאָ, ס׳איז שטאַרקער פון אים.

ווילי, מיט זיין בליק פונדערזייט, האָט אונדז אַ פרעג געטון, וואָס מיר טוען דאָ. ער, זאָגט ער, לויערט אויף די טעראָריסטן. מיר דאַרפן זיין פּאַרזיכטיק, זאָגט ער, אין די אָפּ־געלעגענע ווינקלען דאָ. דער קאָמאַנדאַנט האָט עפּעס נישט געוואָלט אינגאַנצן גלויבן. ער האָט זיך אַפילו אַרויסגעכאַפּט, אַז די זאַך איז קלאָר. אָט דער ווילי קריכט אים נאָך. די לייט דאָ מיינען נישט אונדזער שלעכטס. דער ד"ר גרים אַליין האָט עס געזאָגט. טעראָריסטן? פּאַראַן אפשר, זיי באַהאַלטן זיך אויס אין די בערג. איך האָב זיך גאָרנישט אָפּגערופן. ער האָט רעכט, דער קאָמאַנדאַנט. ער זוכט נישט קיין טעראָריסטן, דאָס קריכט ער אַזוי מיר נאָך, דער ווילי.

ער איז אומדערטערגלעך, דער קאָמאַנדאַנט. ביי דער קאָנפערענץ פון דר. גרים האָט ער אַפילו נישט געוואָלט זיצן לעבן מיר; און אַלץ צוליב זיין טרודען. ער זאָגט מיר קאַטעגאָריש אָפּ איינצולאַדן אויף מיטאָג אין „גאָלדענעם גלאָק", וווּ עס קומען די אָפיצירן פון דער אוויאַציע. די הילדע, וואָס איז נישט קיין אי־בעריקע שיינהייט, האָט מיר אין דוש דער־ציילט, אַז זי איז געווען איינגעלאַדן אין „גאָלדענעם גלאָק" און איינער פון די אָפיצירן האָט איר געשענקט אַ גאָלדענע בראָשקע. ס'איז עפּעס אַ פּראָווינציעל שטיקל צירונג, אָבער פּאָרט גאָלד. ס'האָט זי געדאַרפט טראָגן עפּעס אַ פרוי פון אַ נאָטאַר. כ'ווייס נישט ווער ס'האָט געשריבן טרודען, אַז כ'האָב גע־

געגעסן אין „גאָלדענעם גלאָק". „קעצכיען" וויל
נישט הערן רעדן דערפון. געענדיקט. דער
דורכדרינגלעכער בליק פון דעם ווילי געפעלט
מיר.

מען לאַנגווייליקט זיך דאָ שרעקלעך און
טאָמער געשעעט שוין אַמאָל עפּעס אינטערע־
סאַנטס, ווייס איך אפילו נישט דערפון. מאָנ־
טיק אינדערפרי האָט מען אויסגעפירט די עק־
זעקוציע איבער פינף ערובניקעס. איך וואָלט
עס גערן געגאַנגען זען. כ'האָב געמאַכט א
סצענע דעם קאָמאַנדאַנט. ווילי האָט מיר צוגע־
זאָגט מיטצונעמען דעם קומענדיקן מאָל. כ'בין
נישט געמאַכט געוואָרן צו לעבן אַזוי. די העמד־
לעך, די קליידלעך, דער מענערישער גאַנג...
פאַר מיר זענען קעלנערלעך, פעלדעלעך, שפּי־
צען... אין חלום זע איך זיך אַלעמאָל ווי די
פילם - אַקטריסעס, - לייכט אונטערהויבנדיק
ס'קלייד און אויסקלאַפּנדיק אַ טענצלדיקן טראָט.
אַ סך מענער אַרום. אין אַ זיידן קלייד מיט אַ
הויכן, ברייט־ראַנדיקן הוט, מיט אַ בייטשל
אין דער האַנט. אָדער — טאַנצנדיק, אין אַ
לאַנג, באַלאָווע קלייד און דרייענדיק זיך, באַ־
ווייז איך מיינע פיס. אָבער אין אַלעם פעלט
דאָ אַ ביסעלע מוזיק. מוזיק, מוזיק, מוזיק!
אפשר וואָלט מיר אַמעריקע בעסער געפעלן.
דער דזשאַז — דאָס איז דעגענעראַציע, נע־
גערישער געמיש, אָבער פונדעסטוועגן... אַ
שאָד וואָס אונזער אַרמיי איז נאָך אַהין נישט
דערגאַנגען. כ'האָף, אַז דער קריג וועט זיך נאָך
לאַנג ציען און אונזערע געלערנטע וועלן אויס־

געפינען ווי אזוי אַריבערצופירן אונזער ארמיי קיין אַמעריקע.

ווען מען קען כאָטש גיין הערן אַביסל מוזיק. דער קאָמאַנדאַנט וויל מיר אינערגעץ נישט מיט־נעמען, נישט צו וואַרפן זיך אין די אויגן.

דאָס איינציקע, וואָס פאַרווײַלט נאָך דאָ אַביסל, איז דער טריבונאַל. ס'איז מיר אַנומלטן אַדורך אַ קליינער שוידער איבערן לייב. מ'האָט געברענגט צופירן אַ פרוי. אָפשטויסנדיק, וואול־גאַר, ווי מען זעט זיי דאָ אויפן מאַרק, אַ מיטל־יאָריקע. ווען דער קאָמאַנדאַנט האָט זי אויס־געפאָרשט, האָט זי קיין איין וואָרט נישט גע־ענטפערט. זי איז אַרעסטירט געוואָרן אין שייכות מיט אַ סאַבאָטאַזש־אַקט אויף דער באַן־ליניע. „קעצכיען" האָט זיך צולעצט גע־נומען שטאַרק בייזערן. האָט זי אויפגעמאַכט דאָס מויל און געוויזן די צונג. דאָס האָט זי זיך בעת אַן אויספאָרשונג איינגעשניטן, נישט צו רעדן. כ'פאַרשטיי נישט ווי זי איז נישט געשטאָרבן. אַ צונג בלוטיקט שרעקלעך. בובי האָט עס מיר אַמאָל דערציילט. אַ געשיכטע פון רוסישן פראָנט. אָבער ווילי האָט מיר אויפ־געקלערט: מיר האָבן זי באַלד געלאָזן היילן דורך אַ כירורג, זי זאָל בלייבן מיט אַן אויס־געשניטענער צונג, פאַר אַ שטראָף. דער אידיאָ־טישער קאָמאַנדאַנט האָט זי דערנאָך באַפוילן צו שיסן.

ביינאַכט הערן מיר דאָ אָפט שיסערייען. עס צירקולירן דאָ אויטאָס, טראָץ דעם אויסנאַם־

צושטאַנד. מאָדנע לייט! זיי קענען נישט די דייטשן, אָדער — וואָס גלויבן זיי זיך...

אָבער דאָס אַלץ איז נאָך ווייט פון אַביסעלע מוזיק. דער ראַדיאָ אין „האָטעל מעטראָפּאָל" איז נישט גענוג. אין ליאָן, ווייניקסטנס, טאַנצט מען כאָטש. „קעצכיען" האָט מיר גע־טראָפן רעדן מיט ווילין און האָט מיר גע־מאַכט די אמתע סצענע. אַזוי איז ער שוין לעצטנס. כ'האָב אים דערקלערט, אַז ווילי האָט אויסגערעדט צו מיר אַ פּאָר ווערטער און — שוין... נאָר אויב ער וועט מיר נישט אַרויס־נעמען פון אָט דעם לאַנגווייל, גאַראַנטיר איך נישט... „קעצכיען" האָט אַ וואָרף געטון אַ פּאָר געמיינע ווערטער און זיך לסוף איינגעשטילט. ער האָט מיר צוגעזאָגט מיטצונעמען אויף אַ קליינער רייזע, אויסער דער שטאָט. ס'האָבן זיך איצט געשטעלט שיינע וועטערן. מען זאָגט, אַז אין דער געגנט פון... כ'האָב פאַרגעסן... איז די לאַנדשאַפט זייער ראָמאַנטיש. ס'איז אַ שעה־אָנדערהאַלבן מיט דער באַן.

דאָרט, נאַטירלעך, דאַרף מען נישט ציטערן נישט פאַר ווילי און נישט פאַר זיין טרודע. דערווייל וואָלט אַ קליין ביסעלע מוזיק גאָרנישט אויסגעמאַכט.

אַ קליין ביסעלע מוזיק, פריילן

VI

יאָ, פריילן לאָטטע מיללער. אַ קליין ביסעלע מוזיק וואָלט גאָרנישט אויסגעמאַכט... פריילן

לאַטטע מיללער, זייט איר פלוצים טויב געוואָרן, וואָס איר דערהערט נישט די מוזיק? פאַראַנען טעג, ווען זי הויבט זיך אויף פון דער ערד, אי־בער שטאָט און הימל. ווי אַ שטאַרקער ווינט. טירן קלאַפן זיך צו, שטיקער פאַפיר פליען זיך פונאַנדער. איר האַלט צו אייער קליידל און איר דערהערט זי נישט, די מוזיק. פאַראַנען טעג, ווען ס׳איז אַ געוויינלעכער עכאָ פון אַ לידל, די וויבראַציע פון אַן אָנגעצויגענער שטריק, פון אַ דערמאָנונג, וואָס שטאַרבט. די זון פון מאַי לעבט אויף די רחבות פון דער שטילער לאַנד־שאַפט. די אינזעקטן באַווייזן זיך צוזאַמען מיט די בלומען. פליגן שטעלן זיך כמאַרעסווייז אָן אויף אַ טויטן מענטשלעכן קערפער און זשו־מען אויס די ערשטע אַקאָרדן פון טרויער־מאַרש אין ברודער־קבר.

פריילן לאָטטע מיללער, זייט איר ווירקלעך טויב, נישט צו דערהערן די מוזיק, וואָס קומט? פאַראַנען טעג, ווען די מוזיק איז שטאַרקער ווי דער גערויש פון גרויען אַלטאָג אין קליינעם שטעטל, ווו איר לאַנגווייליקט זיך אַזוי שטאַרק. הערט זיך איין צו אָט דער מוזיק. קודם — דאָס טויבע געברום פון די תפיסה־מויערן. פון זיי הייבט זיך אויף דאָס צעריסענע געוויין פון אומבאַקאַנטן אינסטרו־מענט, וועלכער רופט זיך: מענטש. דאָס גע־קרעכץ פון צעבראָכענע ביינער, דער קאָנצערט פון טאָרטורן, דאָס געשריי פון מאָראַלישן ווייטיק, וואָס איז אַזוי אַנדערש פון געוויינלעכן, פון פיזישן, דאָס ריטמישע, באַסאָווע האַמערן

פון קלעפּ, דאָס געזאַנג פון ריזלענדיקן בלוט און טרערן, טרערן טרערן...

הערט איר נישט די דאָזיקע מוזיק, פרייל‍ן לאָטטע מיללער? ס'איז אַ נאָקטורן פון טיפער זאָרג, ווען אין די אָרעמע, פינצטערע היימען לאָזט מען דערברענען דאָס פייערל אין קאָמין. מ'ען הערט די שווערע טריט אויף דער גאַס, דאָס קרעכצן פון דער שטיג און מיט יעדן קרעכץ פון דער טיר דאַכט זיך: פּאָליציי. וואָס וועט געשען? שאָטנס האָבן זיך פאַרביי־געגליטשט, שווערע, סאָלדאַטישע טריט. זאַלפּן, אָנפליענדיקע אויטאָס רייסן זיך פאַרביי דעם באַוואַכטן דורכפאָר. די טירן פון גאַראַזש האָ־בען זיך אויפגעריסן און די אויטאָס זענען אַנטלאָפן. ביים איינגאַנג פון שפּיטאָל האָבן זיך געמאָלדן אומבאַקאַנטע, געפאָדערט זייער פאַרוואונדערטן חבר און אַוועקגעלייגט אויפן אָרט צוויי מיליציאָנערן פון דער וואַך. דאָס פּלייש, געהיטן דורך זשאַנדאַרמען פאַר די הערן אָקופּאַנטן, איז פאַרשוואונדן פון שטאָטישן שעכט־הויז. דריי וואַגאָנען פון אַן אַמוניציע־צוג זיינען געשפּרונגען אין דער לופטן. די פאַרפאָלגטע זיינען אויסבאַהאַלטן אין שטעטל, טראָץ די אויסגעהאָנגענע אַפּישן, טראָץ די מעל־דונגען אין די צייטונגען, טראָץ די דערשאָסע־נע ערובניקעס. אַרום איינס ביינאַכט האָבן גרויסע, שוואַרצע פויגלען אַרונטערגעלאָזן קליינע פּאַקעטן און מענטשן אויף פּאַראַשוטן. אין באַגינען געפינט מען צייכנס אויף די טירן פון פאַרעטער און אויף די ראָגן; צייכנס,

וועלכע אייערע מוזיקער האָבן נישט פאַרגעזען אין דער שטילער דייטשער מוזיק.

אָט די מוזיק, פרייִלן לאָטטע מיללער, הויבט זיך איצט אָן אין דאָזיקן שטעטל, פול מיט כאַלדאַטן אין פעלדגראַו. זי פילט אָן די ברייטע און שטילע לאַנדשאַפט, זי שטייגט. זי הויבט זיך אויף מיטן ווינט פון אַ פאַרשפּעטיקטן פרילינג. זי וועקט זיך אויף אין די פאַרלאָזענע הייזלעך פון די בערג, ווו יונגעלייט לערנען זיך ווי אומצוגיין מיט געווער. באַנליניעס ווערן איבערגעשניטן. פלי־פעלדער ווערן אַטאַקירט. אייערע לייט וואַגן שוין מער נישט אַוועקצושלעפּן די אָקסן ביי די פּויערים, נישט די יינגלעך, וואָס זענען באַשטימט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. זיי לאַכן פון אייך. די ריכטיקע מוזיק הויבט זיך ערשט אָן.

אויף אַן אָפּגעלעגענער סטאַציע

VII

סוף כל סוף מוז מען דער לאָטטען אַלץ נאָכגעבן. אַזוי ווי זי האָט באַשלאָסן, אַז מיר פאָרן באַזוכן די אומגעגנט, ווו מען האָט מיר אָנגעוויזן אַ קליינעם, באַקוועמען האָטעל פאַר פאַרליבטע פּאָרלעך, איז מיר פאַרבליבן אויסצופירן איר ווילן. דאָס האָט דער פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק, וואָס טראָגט אונזער אוניפאָרם, מיר געגעבן דעם אַדרעס.

דאָס אינטריגירט זי מיך אומישנע, די לאָטטע, מיט דעם אָבערלייטענאַנט. דאָס, וואָס זי

רופט אים אזוי פאמיליאר ווילי, רעגט מיך אויף. כ׳קען נישט פארטראגן זיין בליק. דאס האט ער איר, נאטירלעך, דערציילט די געשיכ־טע, כאטש זי האט עם מיר נישט געזאגט. ווער דען האט איר געקענט דערציילן, אז נישט אט דער ווילי, וואס איז אריין צו די יידן אינ־דערפרי און האט געשאסן אין דער טיר פון טואלעט־צימער. דעם מאן, וואס האט זיך גע־האלטן אין מיטן ראזירן, האט מען נישט גע־פונען. ער איז זיכער אנטלאפן אין דער פי־זשאמע דורכן פענצטער, איבער די דעכער. אויב נישט ווילי, ווער האט איר דערציילט וועגן דער געשאסענער פרוי אין דער וואנע? מען מוז זאגן, אז אט דער קליינער אבערליי־טענאנט איז זייער געשיקט מיט די יידן.

מיר האבן באשלאסן ארויסצופארן באלד נאך די געריכטס־פארהאנדלונגען. א גאנץ בא־נאלע געשיכטע דאסמאל, צוויי טויט־אורטיילן. איין פאל, וועלכן איך האב איבערהויפט נישט פארשטאנען. ווען מען האט מיר אריינגעפירט דעם דאזיקן מענטש, אפשטויסנדיק אנצוקוקן, מיטן בליק פון א מערדער, האט ער זיך קוים געהאלטן אויף די פיס. איך האב געהאלטן אינ־מיטן דורכבליקן די אקטן און האב זיך זייער געאיילט, מורא האבנדיק צו פארשפעטיקן דעם צוג. ער איז ארעסטירט געווארן בעתן שיסן אויפן בירגערמייסטער בעת א רעקוויזיציע. זאלן זיך די פראנצויזן צווישן זיך דערליידיקן זייערע ענינים, ווען ס׳האט נישט צו טון מיט אונזערע מענטשן. מען האט מיר אבער בא־

מערקט פונדערזייט, אַז ס'איז אַן עלזאַסער און דאָס ענדערט שוין אַלץ. איך האָב אים גע־פרעגט פאַרוואָס ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט קעגן זיין פאָטערלאַנד. האָט ער מיר געענט־פערט אין פראַנצויזיש: „מיין פאָטערלאַנד, דאָס איז פראַנקרייך". דער סאָלדאַט ביי דער זייט האָט אים אַ שפּיי געטון אין פּנים.

פון דעם אַלעמען האָב איך שיעור נישט פאַרשפּעטיקט דעם צוג. קומענדיק אַנצולויפן צום וואָקזאַל, האָב איך פאַרלוירן מיין מאַ־נאָקל. לאָטטע האָט אַ זאָג געטון, אַז דאָס איז שוין מיין טבע, האָט אים אויפגעהויבן און מיר זענען ווייטער געלאָפן. מיר זענען איינגע־שטיגן פונקט ווען דער צוג האָט געריירט.

אַ פּראָווינצער, אָפּגעלעגענע באַן־ליניע. אין אונזער קופּע „נור פיר די ווערמאַכט" זענען מיר געווען גאַנץ אַליין. פון צייט צו צייט, ביי אַן אָפּשטעל, האָט עמעצער אויפגעמאַכט און שנעל פאַרקלאַפּט די טיר. מיר האָבן מיטגע־פירט אַ געקאָכטע הון, שאַמפּאַניער און פרוכטן, אויף איין מאָלצייט. לאָטטע האָט באַקומען אַ בריוו פון איר חתן, וואָס איז אויפן רוסישן פראָנט, צוזאַמען מיט אַלע אייראָפּעאישע אַר־מייען. האָט זי מער נישט גערעדט פון דעם ווילי, נאָר האָט מיר פאַרטרויט די אויערן מיט דעם בובי. ס'איז געווען דער ערשטער הייסער טאָג. כ'האָב אונטערגעדרעמלט און לאָטטע האָט נישט אויפגעהערט איבערצולייע־נען איר בריוו.

כ'האָב זיך פּלוצים אויפגעריסן אין אומרו:

און אויב איך פֿאַרלאָז פֿאַרביי די סטאַנציע!
איך זאָג לאָטטען: גיב אַכטונג, די סטאַנציע רופֿט זיך... און זאָג איר דעם נאָמען. זי קען אים אפֿילו נישט נאָכזאָגן. זאָג איך איר, זי זאָל זיך פֿאַרצייכענען אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און איך דרעמל ווידער אונטער.

אינדעראַמתן האָב איך גאָרנישט געדרעמלט אויך. כ'האָב געחלומט וועגן דער רוימישער געזעצגעבונג. איך בין געווען פּראָפֿעסאָר פֿון רוימישן רעכט. אָבער כּדי אַרויסצורוקן אויפֿן ערשטען פּלאַן די דייטשע געזעצגעבונג, באַדאַרף מען — דאָס איז מיין שטאַנדפּונקט — אויסמעקן פֿון דער מאָדערנער וועלט יעדן שפּור פֿון רוימישן רעכט, דאָס רוימישע רעכט אַלס באַזע פֿון דער מאָדערנער געזעצגעבונג איז אַ רעוואָלטירנדיקער אַבסורד און אין שאַרפֿן קעגנזאַץ צום דייטשן גייסט. איך רעד שוין נישט פֿון נאַפּאָלעאָנישן קאָדעקס. דער פֿירער איז דורכאויס אינספּירירט צו פֿאַרניכטן די גאַנצע געזעצגעבונג און דאָס וועט דערלויבן איבערצובויען, אין ווירקלעך דייטשע באַדינגונגען, אַ רעכט אָן שום קאָדעקסן. עס וועט אָבער קיינמאָל נישט זיין קיין היטלער־קאָדעקס, ווייל דעם פֿירערס דענקען לאָזט זיך נישט צוימען אין קיין קאָדעקסן.

ס'איז געווען היים. כ'האָב צעשפּיליעט דעם קאָלנער. מיר האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַ קליינער סטאַנציע. וויטער רירט מען עפּעס נישט. כ'האָב געפֿרעגט לאָטטען צי זי איז זיכער, אַז מיר האָבן נישט פֿאַרבייגעלאָזן די סטאַנציע.

זאָגט זי, אַז נישט, זי האָט געהאַלטן דאָס פּאַ־פּירל אין דער האַנט.

ס'איז שוין נאָך דריי נאָכמיטאָג. דער צוג רירט זיך עפּעס נישט, זאָל איך אפשר אַרונטער־גיין? אַ קליינער וואָקזאַל צופוסנס די בערג, אַ שטעטל אין טאָל. איך ווענד זיך צו אַ באַאַמטן. ער פאַרשטייט מיר שלעכט. ער זאָגט מיר עפּעס, אָבער אין אַזאַ אַקצענט, אַז איך דערכאַפּ נישט. ווען ער וואָלט כאָטש גערעדט ווי דר. גרים.
ביים שעף מוז איך דריי מאָל איבערחזרן דעם נאָמען פון דער סטאַנציע, וווּ איך באַדאַרף, ביז ער פאַרשטייט מיך. ער באַקוקט דעם בילעט. ניי, יאָ, מיר האָבן זיך טועה געווען מיטן צוג. ס'איז גאָר אַן אַנדער ליניע. דאָ זיינען מיר אין נ... צו פאָרן אַהין, באַדאַרף מען זיך אומקערן פונוואַנען מיר זענען אַרויסגעפאָרן. אַ צוג וועט אפשר זיין מאָרגן אינדערפרי, אָדער גאָר איבער־מאָרגן; ווייל לויט די לעצטע בעגרענעצונגען פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, גייען אין דער ריכטונג צוגן בלויז דינסטיק, דאָנערשטיק און שבת.

איך קער זיך אום צו לאָטטען און קלער איר אויף. זי איז גאָרנישט בייז, פאַרקערט. אַ האָטעל קען מען דאָ לייכט געפינען. יאָ, אָבער... כ'האָב גענומען בלויז איין טאָג, ווייל מיטוואָך גייט נישט דאָס געריכט; און מיר וועלן ערשט קענען צוריק זיין נישט פריער ווי דאָנערשטיק פרי. און נ... ווו ס'איז געווען דער גאַנצער גערודער פאַ־ריקע וואָך. די טעראָריסטן... זיבן ערובניקעס דערשאָסן...

זי זאָגט מיר, אַז איך רעד גענוי ווי ווילי.

פאַר מיר טויג גאָרנישט מען זאָל באַמערקן מיין אָפּוועזנהייט. זי לאַכט זיך אויס דערפון. אָבער איך... כ'גיי פרעגן דעם שעף, צי מען קען קריגן ערגעץ אַן אויטאָ, אויב מען קען טעלעפאָנירן. דער שעף האָט אַ געזונטע ראָזיקייט אין די באַקן, טראָגט שוואַרצע, לענגלעכע וואָנסן. אפילו לאָטטע האָט גאָרנישט געקענט מאַכן מיט אים. זי שטעלט אים פראַגן און ער ענטפערט: „יאָ" און „ניין". כ'האָב אים געפרעגט צי קען ער נישט טעלעפאָנירן צו די דייטשע אויטאָריטעטן. צו די דייטשע, נישט צו די פראַנצויזישע. זיי זאָלן איבערגעבן, הייסט עס, אַז דער קאָמאַנדאַנט פאָן ליטווויס־ראַנדאו... ער בעט מיך אויפשרייבן מיין נאָמען און לייענט אים שווערלעך איבער... פאָן... ליטע... ליטע... וויסע... ראַנדאַ...

געוועזן דאָ עפּעס אַ פאַרעלטערטער טעלעפאָן, זוי מען דרייט מיט דער האַנט. אַללאָ... אַללאָ... ס'דויערט היפּש. כ'האָב געהערט ווי ער זאָגט, אַז דאָ געפינט זיך אַ דייטשער קאָמאַנדאַנט און אַ דאַמע, זיין סעקרעטאַרין. צי מען וויל קומען זיי אָפּנעמען אין אַ וואָגן. אַרויסגייענדיק פון דער קאַבין, זאָגט ער:

— זיי וועלן דאָ קומען מיט אַ וואָגן.

אַ שעה־אָנדערטהאַלבן וויניקסטנס צו וואַרטן. אַ שלימזלדיקע רייזע. דער שעף פונעם וואָקזאַל איז פונדעסטוועגן זייער העפלעך. עס גייט אים אין גאַנצן לעבן, אַז איך און לאָטטע זאָלן צו־

וואַרטן ביי אים אין בֿיורא. דער וואָקזאַל איז געווען ליידיק און לאַטטע האָט זיך היפּש גע־לאַנגווייליקט. וואָס קען מען טון?

דעם קומענדיקן מאָל — זאָגט זי — וועל איך מיטנעמען ווילי...

שוין בעסער נישט צו ענטפערן.

ווער זיינען די טעראָריסטן: מיר, אָדער — איר?...

VIII

— איר רופט זיך ליטוויטס־ראנדאו, איר זייט מיליטערישער ריכטער, מיטן ראַנג קאָ־מאַנדאַנט, מיטגליד פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי...

— לאָז אים אַליין רעדן! — מישט זיך אַריין דער הויכער, דער שוואַרצער.

ווען די פּאַרטיזאַנען זיינען אָנגעקומען אויפן קליינעם וואָקזאַל, האָבן זיי אָן שום שוועריקייטן פאַרנומען דעם אָפיציר, זיין דאַמע, אָפּ־גענומען ביי אים זיין רעוואָלווער און אַריינ־געשטופּט אים אין טונקעלן אויטאָ. סאָלידע חברה, אין לעדערנע בלוזעס. זיי קומען פון אַן אָנפאַל אויף אַ פאַבריק אין וווראָן, וואָס האָט געאַרבעט פאַרן גאַנצן קרייז פון דראָם. גאַרנישט די פראַנצויזן, ווי לאַטטע האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט. דער הויכער, דער ברוינער,

וואָס שווייגט נאָכאַנאַנד, זעט אויס צו זיין אַ גאַנץ סימפּאַטישער. געוועזן מיט אים נאָך איינער, אַ בלאָנדער, נאָך גאָר אַ יונגער, מיט ברייטע אַקסלען. און נאָך איינער פון אַ יאָר דרייסיק.

ער האָט אויפגעשוידערט, ווען דער נידעריקער האָט אים אַ שטורך געטון מיטן פוס, דעם קאָמאַנדאַנט. „קעצכיען" איז געווען אינגאַנצן צעטראָגן, געבליקט אַרום זיך, אין דער האָפענונג, אַז די דייטשע אַרמיי וועט דאָ פּלוצים אויסוואַקסן, אים צוהילף. אָבער זי איז גיך צוזיך געקומען. מיט איר זיינען זיי געווען כמעט העפלעך. זי האָט זיך דערמאָנט ווי דער ס.ס.־מאַן, וואָס איז געשלאָפן מיט אַ יידישקע, האָט זיך אַזוי אַ זאָג־געטון: „פאַרוואָס נישט, נאָך אַלעמען ?"...

אַצינד זיינען זיי געווען אין אַט דעם לייריקן הויז אין די בערג. אַן ערך אַ האַלבע שעה זיינען זיי געפאָרן, האָבן אָפּגעקערט פון וועג און דורכגעשניטן אַ פעלד. ס'איז נאָך געווען גרויסער טאָג און שוין איז געפאַלן דאָס אָוונטליכט אויף דער ערד. די גרילן האָבן זיך געלאָזן הערן יעדעס מאָל, ווען מען איז אַנטשוויגן געוואָרן. פאַרגעקומען איז עס אויף עפּעס אַזאַ מין באַלקאָן־טעראַסע פון אַ פּאַרלאָזענער פערמע, מיט אַ דרויסנדיקער שטיג. אויפן דראָנג האָט זיך געווינטלט אַ שטיק שטאָף אין טריקאָלאָר, פאַרצויגן אויף אַ שטריק. די לאַנדשאַפט האָט זיך דאָ אָפּגעדעקט אַ נאַקעטע און דער קרייץ פון וועגן האָט געבילדעט אַ V. דער

אָנפירער פון די פּאַרטיזאַנען איז געווען אַ יינג אַ ריז, מיט אַ רונדיקן שאַרבן, מיט אַ קינדער־ריש־געצייכנט מויל. אויסגעזען האָט ער ווי אַ תּפיסה־וועכטער און געווען איז ער אינדער־אמתן אַ פּראָפעסאָר פון לאַטיין און גריכיש ערגעץ אַרום סען־פלור. פונאַנדערגעזעצט ביים טיש, האָט ער געפירט די אויספאָרשונג. דער הויכער, דער שוואַרצער, וועלכער איז אויפן וואָקזאַל נאָך אַזוי געפעלן געוואָרן לאָטטען, איז געשטאַנען לינקס פון אים, די הענט געקרייצט אויף דער ברוסט. פון דער רעכטער זייט איז געשטאַנען אַ גייסטלעכער, די סוטאַנע צע־שפּיליעט, אין יעגער־הויזן, אין שטיוול און מיט אַ ביקס. לאָטטע איז געווען ערגעץ אין הויז. צוויי, אָדער דריי מאָל האָט מען זי געהערט נערוועז אַרויסלאַכן.

— איך בין אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי — זאָגט דער קאָמאַנדאַנט, זוכנדיק שווערלעך די ווערטער אין פראַנצויזיש — זייט יולי 1933, גענוי נאָכן 30־טן יולי.

— דאָס האָט דער מאָרד איבער רעהם אייך אַזוי דעצידירט! — לאַכט ברייט דער אויס־פאָרשער.

דער קאָמאַנדאַנט קוקט אָן די דריי מענטשן פאַר זיך, פאַריכט דעם מאָנאָקל און אָטעמט שווער אָפּ —

— איך בין אַריין אין דער פּאַרטיי צומאָר־גענס נאָכן אויספירן דעם אורטייל איבער רעהם און זיינע פאַרבינדעטע — זאָגט ער — ווייל

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז ס'וועלן זיך נויטיקן יוריסטן אין אָנבליק פון אָט דעם וויכטיקן היסטאָרישן פאַקט... ווידער אויסצובויען דאָס דייטשע רעכט.

דער גייסטלעכער, אַ מאָגערער, מיט אַ לענגלעכער נאָז, פייפט אונטער איראָניש, נעמט זיך רייניקן די נעגל מיט אַ צווייג, וועלכע ער האָט פריער פינקטלעך אָרומגעשניצט.

דער געפאַנגענער האָט זיך צו אים אויסגעדרייט:

— ס'איז אפשר נישט אַזוי איבעריק וויכטיק פאַר טעראָריסטן... אָבער רעכט איז רעכט...

— ווער זיינען עס די טעראָריסטן? — פרעגט זשאַן־פּיער, מאַכנדיק זייער אַ שיינע באַוועגונג מיטן קאָפּ און די אויגן זיינע, גרויסע און בלויע, זיינען שיעור נישט אַרויסגעשפרונגען:

— איך בין קאַפּיטאַן זשאַן־פּיער... פון דער פראַנצויזישער אַרמיי און...

— לאָז אים רעדן — זאָגט דער הויכער, דער שוואַרצער.

— אַנטשולדיקט מיר — זעצט פאָר דער קאָמאַנדאַנט — פאַר אונדז זייט איר טעראָריסטן, אין קעגנזאַץ צו די געזעצן פון קריג און צו די באַדינגונגען פון וואַפנשטילשטאַנד.

— פאַר אייך? ווער, אייך? וואָסער וואַפנשטילשטאַנד? מיר פירן קריג קעגן דייטשלאַנד

זייט סעפּטעמבער 1939. די געזעצן פון קריג... זייט ווען זיינען עס פאַראַן געזעצן פון קריג, וואָס דערלויבן צו דערשיסן ערובניקעס? די טעראָריסטן זייט איר און אַלס אַזעלכע וועט איר דאָ געזעצלעך געמשפּט ווערן.

— לאָז אים רעדן — זאָגט דער הויכער, דער שוואַרצער.

— זייט מיר מוחל — זאָגט דער קאָמאַנדאַנט — נאָר מען האָט אונדז אַלעמאָל געזאָגט, אַז איר זייט טעראָריסטן...

— און איר האָט עס, נאַטירלעך, געגלויבט, ווי איר גלויבט אַלץ, וואָס מען זאָגט אייך... און וואָס פאַרא סאָרט טעראָריסטן האָבן אונטערגעצונדן אייער רייכסטאַג?

— די קאָמוניסטן — מאַכט דער קאָמאַנדאַנט מיט אַ באַליידיקטער מינע — וואַן דער לובע, דימיטראָוו.

דאָס מאָל האָט אים שוין דער הויכער, דער שוואַרצער איבערגעריסן:

— דימיטראָוו! מיין קאָמאַנדאַנט, פאַר וועמען נעמט איר אונדז? איר וואַרפט פאַר אַ מענטש, וועלכן אייערע געריכטן האָבן דערקלערט פאַר אומשולדיק.

— דאָס איז עס טאַקע — זאָגט ליטוויטסראַנדאַו — צו יענער צייט זיינען נאָך אונדזערע טריבונאַלן געווען אָנגעשטעקט מיט דער רוימישער געזעצגעבונג, מיטן נאַפּאָלעאָנישן קאָדעקס, מיט די יידישע געזעצן. מיר וואָלטן אים

היינט נישט אַוועקגעלאָזן, דימיטראָוון. ער וואָלט פאַרמשפט געוואָרן... לויט דער דייטשער געזעצגעבונג.

ס'איז געווען אַ מאָדנע סצענע. נישט פאַרענדיקט רייניקן די נעגל, האָט זיך דער גייסטלעכער אָנגעכאַפּט:

— מיין קאָמאַנדאַנט, פאַרוואָס ווילט איר מיר זאָלן אָנערקענען די דייטשע געזעצגעבונג, אויב איר געפינט איין, אַז דער נאַפּאָלעאָנישער קאָדעקס איז אַ קאָדעקס פון יידישע געזעצן? אָבער די פראַגע איז נאָכנישט דאָ: וויפל מענטשלעכע לעבנס האָט איר אומגעבראַכט לויט אייער דייטשער געזעצגעבונג?

דער קאָמאַנדאַנט האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און נישט געענטפערט. עפּעס האָט זי דאָרט אנגעמאַכט אַ גערויש אין הויז, די לאָטטע. מען האָט זי אויסגעפּאָרשט באַזונדער. דער קאָמאַנדאַנט האָט פּלוצים אַ טראַכט געטון, אַז זי איז פעאיק צו וואַרפן די גאַנצע שולד אויף אים.

— איך האָב קיינמאָל נישט אומגעבראַכט — האָט ער פּראָטעסטירט — איך בין אַ מאגיסטער און וועגד אָן די געזעצן.

— וועלכע געזעצן? — האָט זשאַן־פּיער אַרויסגעברומט — אייער פירער האָט דאָך אָפּגעוואָרפן אַלע געזעצן.

— אונדזער פירער — זאָגט דער באַשולדיקטער — באַטראַכט אַלס געזעץ אַלץ, וואָס איז אין אינטערעס פון דייטשלאַנד.

— דאָס איז נישט — שלאָגט איבער דער הויכער, דער שוואַרצער — די מיינונג פון מאַרשאַל פאָן פּאולוס.

— דער פעלדמאַרשאַל פאָן פּאולוס איז טויט, האָט דערקלערט אונדזער פירער.

דער גייסטלעכער האָט אַ שמיים געטון די צווייג און זיך פונאַנדערגעלאַכט:

—ער איז טויט לויט די דייטשע געזעצן און די, וואָס זאָגן דאָס פאַרקערטע, זיינען טעראָריסטן?

דער קאָמאַנדאַנט שטרענגט אַלץ מער אָן דאָס אויער צום גערויש אינעם הויז. מען האָט קודם געהערט אַ שאַרף זידלען זיך, אַ היסטע־ריש געוויין און אַצינד האָט לאַטטע גערעדט און גערעדט. וואָס האָט זי געהאַט אַזויפיל צו רעדן?

געוויס, איז צווישן דעם מענטש און זיין ריכטער אַ פונדאַמענטאַל־קעגנזעצלעכע איינ־שטעלונג; ער, הייסט עס, באַטראַכט די גע־האָרכזאַמקייט און די געטריישאַפט זיין פירער, ווי אַ באַרעכטיקונג פאַר אַלע זיינע אַקטן, פאַר יעדער מין גערעכטיקייט. אין דער צייט, ווען זיי באַטראַכטן אָט ווי פּאַסיוויטעט ווי דאָס גרעסטע פאַרברעכן. זיי האָבן אים אָבער, אין גרונט, געגעבן אַ געלעגנהייט אָפּצוואַרפן פון אים די שולד פערזענלעך און באַשולדיקן אַ ל ע דייטשן, דעם פירער, די פּאַרטיי, וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע פאַרברעכנס און דערשאָסענע ערובניקעס. ער וואָלט לייכט, טראַכט ער, זיך געקענט אַרויסגליטשן מיט ליגן־

זאָגן; און ליגן־זאָגן האָט אים נישט אָפּגעשראָ־ קען, אויב ס׳איז נאָר אין זיין אינטערעס און אין אינטערעס, ווי ער רופט עס, פון דייטש־ לאַנד; ווייל דער ליגן איז דאָך אייגנטלעך אַ טייל פון דעם גאַנצן סיסטעם. נאָר דאָס אומ־ גליק פאַר ליסטוויטס־ראַנדאַו איז געווען, וואָס ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי ער איז דאָ פאַר־ פּלאָנטערט געוואָרן אין דער נעץ פון זיין אייי־ גענעם סיסטעם. ער האָט געשפּילט די געהאָרכ־ זאַמקייט דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם און נישט געקענט פאַרשטיין, אַז אָפּוואַרפנדיק דעם נאַ־ ציאָנאַל ־סאָציאַליזם, וואָלט ער זיך אפשר גע־ קענט ראַטעווען.

זיין פאַרטיידיקונג... אָט דעם יורידישן סיס־ טעם, וועלכן ער האָט צוגעגרייט צו ראַטעווע׳ דייטשאַלנד אין די שלעכטע טעג. און דער אָבערלייטענאַנט ווילי האָלט אים פאַר אַ פאַנ־ טאַזיאָר; דער סיסטעם, וואָס וועט געבן דאָס באַזיגטע דייטשלאַנד די ווירדע פון אַ קעמפער, וואָס גיט זיך נישט אונטער: אָבער אין דעם מאָמענט האָט בלויז ער, , פאָן ליטוויטס ראַנ־ דאו, זיך געפונען אין אַ ביטערער סיטואַציע און ער האָט אויסגעפּרווט זיין סיסטעם. אָבער זי דאָרט, לאָטטע... די מורא פאַר אירע פלאַפּ־ לערייען האָט אים אינגאַנצן צעטומלט און זיי־ נע ענטפערן האָבן שוין נישט געהאַט מער קיין שום לאָגיק און דאָס האָט כסדר אַרויסגערופן דאָס שטילע לאַכן פונעם גייסטלעכן.

די ליידנשאפט פאר דער גערעכטיקייט

IX

— אומהיילבאַר ! — זאָגט זשאַן־פּיער.

—אומהיילבאַר ! — זאָגט דער גייסטלעכער.

און דער הויכער, דער שווארצער, די הענט געקרייצט אויף דער ברוסט, גיט צו :

— אומהיילבאַר !

דעם קאָמאַנדאַנט גייט דורך אַ ליכטער ציטער. דאָס דערמאָנט אים אין עפּעס. אין דרי־טען רייך, אויב די דאָקטוירים שאָקלען אַזוי מיט די קעפּ און דערקלערן דעם קראַנקן פאַר אומהיילבאַר, באַקומט מיט אַ קורצער צייט שפּעטער די פאַמיליע צוגעשיקט אַ קליינע אור־נע אַש מיט אַ בריוו, ווו ס'ווערט געזאָגט, אַז ס'איז קיין צייט נישט געווען אָנצוזאָגן...

זיי האָבן אים פאַרמאַכט אין אַ קעמערל, אָן פענצטער, מיט אַ ביסל שטרוי אויף דר'ערד. אין קליינעם אויסשניט פון דער טיר האָט זיך געזען אַ שטיקל הימל.

דאָס אומפאַרשטענדלעכסטע פאַר אים איז געווען, וואָס די טעראָריסטן האָבן אים די גאַנצע צייט געהיטן, אַרויסגעלאָזן אים אויף

שפּאַציר און אויסגעפּאַרשט, אָן שום שטערונ־
גען. וואָס־זשע טוען זיי דאָרט, די מיליציאָ־
נערן און די געשטאַפּאָ? און די אַרמיי אונזע־
רע? מען האָט אָפּט גערעדט וועגן די באַנדעס,
וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין די בערג. פיל פון
זיי זיינען דורכגעגאַנגען אין געריכט און ער
האָט זיי פאַרמשפּט צום טויט. ער האָט זיך
אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט זייער לעבן
אַזוי פריי, אויף ברייטע שטחים פון לאַנד. ס'איז
קלאָר, די „ווערמאַכט" אָקופּירט נישט מער ווי
די וויכטיקסטע ליניעס, די באַן־וועגן, די סטראַ־
טעגישע פּונקטן פון לאַנד, אָבער דאָס לאַנד
גופא איז אין די הענט פון אַט די לייט. זיי האָבן
אַפילו אַוועקגעשטעלט אַ וואַך און זיי באַהאַלטן
זיך גאָרנישט דערמיט. זיי האָבן אויטאָס און
אַפילו ברען־שטאָף. דאָס איז שוין גאָר ריינער
אומזין!

ער האָט דערוואַרט, מען זאָל לאָטטען אריינ־
וואַרפן צוזאַמען מיט אים, אָבער ס'איז נישט
געשען. מען האָט געהערט אַ גערעדעריי פון־
דרויסן, אין דער צופאַלנדיקער נאַכט. געווען
דאָ אַ צענדליק מענטשן. זיי זיינען געווען צע־
זעצט אין דרויסן און געגעסן. צום פאַרענדיקן,
הערט זיך דאָס געזאַנג פון אַ יונגער שטימע.
מען זינגט אין פּראָוואַנסאַליש. דאָס געזאַנג פון
גרילן טראָגט זיך מיטן אָוונט, דאָס געשריי פון
פרעש. שטערן שיינען אריין דורכן טירל־לאָך.
מען גייט און מען קומט. ווו האָבן זיי דער
לאָטטען אהינגעטון? אַ צויג, ווי אַלע ווייבער.
זי איז טאַקע אַ פּאַרטיזאַנישע, אָבער אינגאַנצן

זיכער מיט איר איז ער נישט. גאָרנישט זיכער. אויב זי וועט זיך קענען ארויסדרייען אויף זיין חשבון, וועט זי עס אוודאי טון. אין דער אָפּענער טיר וואַקסט פּלוצים אויס דער הויכער, דער שוואַרצער:

— היי דאָרט — שרייט ער — קאָמאַנדאַנט!

ער פאַריכט זיין מאָנאָקל, בייגט זיך איין, נישט אָנצוקלאַפּן זיך, און פרעגט אומרואיק:

— אפשר קען איך וויסן... וואָס מיט מיין סעקרעטאַרין...

קענען זיין ווילן, האָט ער אָנגענומען דעם טאָן ווי מען רעדט אין די קאָרידאָרן פון שפּיטאָל, וועז מען וואַרט אריינצוגיין צו א קראַנקן. דער הויכער כאַפּט זיך נישט באַלד אויף דער אַלשער נאָטע און הויבט מיט די אַקסלען:

— אייער סעקרעטאַרין... כ'האָב נישט געזען עמיצער זאָל אַזויפיל אויסשיטן...

— אויסשיטן ?...

— יאָ, פּלאַפּלען... מען דאַרף זי גאָרנישט בעטן אפילו קיין פרטים. זי רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. אויסער דעם, ווייל זי שטאַרק געפעלן ווערן. מען האָט זי אַזש באַדאַרפט צובינדן די הענט, ווייל זי איז באַלד געוואָרן צופיל פאַמיליאַר מיט מיינע מענטשן... און איך, כ'האָב עס נישט ליב. דער גלח — אויך נישט...

— אויסשיטן... פּלאַפּלען... — מורמלט דער קאָמאַנדאַנט — ס'איז נישט זיין וואָקאַבולער... מען האָט אים אריינגעשטופּט און באַלויכ־

טענעם קרייז פון שייטער, וואָס האָט געוואָרפן א מאָדנעם טעאַטראַלן ליכט אויף די אַרומ־שטייענדיקע פּאַרטיזאַנען. ער האָט אַזש מורא געקריגן און גערעדט אָפּגעריסן:

— לאָטטע... מיין סעקרעטאַרין... זי איז דאָ?

ער האָט געוואָלט אַרויסרופן צוטרוי ביים הויכן, ביים שוואַרצן, אַרויסווייזנדיק, הייסט עס, מער פּאָרכט פאַר איר, ווי פאַר זיך אַליין.

— זאָרג זיך נישט... זי שלאָפט ווי געהרגעט... אַ שיינע צויג... ווי אַלע ווייבער ביי אייך, אי־בעריגנס... כ׳וויים, כ׳בין געווען אַ געפאַנגענער, נאָנט ביי...

דער קאָמאַנדאַנט האָט נישט דערהערט ווו יענער איז געווען. צו געווינען מער צוטרוי, האָט ער איבערגעפרעגט מיט כלומרשטן אינטע־רעס:

— נאָנט פון וועלכער שטאָט?

— ברעסלאַו... די צויגן... אַלע אייערע ווייבער...

זשאַן־פּיער האָט ליב געהאַט פייערלעכקייט. ער האָט געוואָלט אויפוועקן די פאַנטאַזיע ביי זיינע מענטשן און די גרויסע ליידנ־שאַפט פאַר גערעכטיקייט. דער באַשולדיקונגס־אַקט איז געווען גרייט. לאָטטע האָט געגנוג אָנ־גערעדט, דערציילט ווען די צוויי טויט־אור־טיילן מיט אַ טאָג פריער: צוויי יינגלעך, וועל־כע מען האָט געכאַפּט אָן געוווער. ביי איינעם האָט מען בלויז געפונען דעם קרייץ פון לאָט־

רינגען; וועגן דער פרוי מיט דער אָפּגעשניטע־נער צונג, וועגן קאָמוניסטן, וואָס האָבן אינ־פאָרמירט די פּאַרטיזאַנען פון די אָנקומענדיקע צונן. און נאָך און נאָך. ער דערמאָנט זיך גאָר־נישט צו האָבן פאַראורטיילט אַזויפיל מענער, פרויען און נאָך אַנדערע. וואָס האָט איר גע־שמויסן אַזויפיל צו פּלאַפּלען ? אַ קאַלטער שוויים באַגיסט אים.

— אַלדזאָ, באַשולדיקטער — זאָגט זשאַן פּיער — איר האָט דאָ געהערט? וואָס האָט איר צוצוגעבן צו אייער פאַרטיידיקונג?

אין דער פינצטער האָט מען נישט געזען דאָס בלאַנדע געזיכט, די קנייטשעלעך אַרום די אויגן. פון אַזאַ סיטואַציע האָט ער, דער ריכטער, גאָר קיינמאָל נישט געחלומט. זיין פאַרטיידיקונג, די פאַרטיידיקונג פון דייטשלאַנד... אָן אַלטע פראַזע מיט וועלכער זיי האָבן זיך באַנוצט אין 1940, אין 1941, איז אים געקומען אויף די ליפּן:

„וויר זינד דאָך קיינע באַרבאַרן"!

אַלע זיינען אַנטשוויגן געווען . געהערט האָט זיך בלויז דאָס געלעכטערל פון גייסטלעכן און — זשאַן־פּיער:

— וואָגט איר נאָך צו זאָגן, אַז איר זייט נישט קיין באַרבאַרן, נאָכדעם ווי מיר האָבן גע־זען אַלע אייערע מעשים? נאָך אַלע אונדזערע ליידן, פרוווט איר צו לייקענען? און שטאַרבן קענט איר, נאָך דעם אַלעם, ווי די אונדזעריקע, דורך אַ קויל, ווי סאָלדאַטן שטאַרבן, מיט דער פראַזע: „מיר זיינען נישט קיין באַרבאַרן"...

ס׳וואָלט געווען צו איינפאַך און צו שיין פאַר אייך. איידער איר וועט שטאַרבן, קאָמאַנדאַנט, דאַרפט איר אַלץ אַליין זען און איר מוזט אַלץ אַליין מודה זיין.

ער האָט אָפּגעאָטעמט, דער קאָמאַנדאַנט. וועט מען אים, הייסט עס, נישט באַלד טויטן. קיינער אַרום שייטער האָט זיין שמייכלענדיקע גרימאַסע נישט געזען. אָבער די לאָטטע איז אַ ריכטיקע צוויג...

ערגעץ-ווו אין די בערג...

X

דאָס שוואַרצע שטאָל פון מיטראַיעט לויכט אויף אין לבנה־שיין. דער קליינער אויטאָ איז אויסגעלאָשן, אָן פייערן. די לאַנדשאַפט זינקט אין דער נידער, פליענדיק איבערן וועג, וואָס איז אָט גלייך, אָט דרייט ער זיך אויס און איז באַגאָסן ווי מיט זילבער. פאַראיינזאַמטע ביימער אינאַזייט, געביידעס. דערנאָך שטייגט מען העכער און העכער, צווישן די נאַקעטע פעלזן און אַלץ מיט דער זעלבער שנעלקייט. אַ ביסעלע שרעקט אים פונדעסטוועגן אָט דער נאַכטיקער, משונהדיקער מאַרשרוט, דעם קאָמאַנדאַנט. אָבער וואָס האָט ער, נאָך אַלעמען, מורא צו האָבן פאַר אַ קאַטאַסטראָפע ? אין די הייזלעך, ווו דער אויטאָ פליט פאַרביי, זאָגן זיך אוודאי די לייט: „אהא, די פאַרטיזאַנען!... אַלע נאַכט אַזוי“. זשאַן־פיער, דער גייסטלעכער און דער הויכער, דער שוואַרצער, פאַרשיכורן זיך

מיט דער שנעלקייט אין אן אפּגעלעגן וועלטל, וואָס געהערט בלויז זיי.

אַלע פיר זיצן זיי פונפאָרנט. דער קאָמאַנ־דאַנט איז אַריינגעשטופּט הינטערן גייסטלעכן און זשאַן־פּיער. אויבנאָן, מיטן שאָפער, זיצט דער הויכער, דער שוואַרצער, מיטן מיטראַיעט. דער שאָפער איז אַ יינג אַן אַטלעט. ער קומט פון באַסקן־לאַנד. ביי די פּאַרדרייען איז ער פלינק ווי אַ טייוול.

וווהין , אייגנטלעך, פאָרן זיי? בערג הויבן זיך איבער בערג. וווהין פאָרן זיי ?. מען שווייגט. גאָרנישט, זעט אויס, שרעקט זיי אָפּ. לבנה, בערג און טויטער אָפּבליאַסק. די שטימע פון זשאַן־פּיערן קומט צוערשט נידעריק. דער קאָמאַנדאַנט דערכאַפּט נישט באַלד וואָס ער זאָגט. דערנאָך ווערט די שטים דייטלעכער, הע־כער און ווי שטיינער וואָלטן זיך געקייקלט פון די בערג. דער קאָמאַנדאַנט קען נישט די אַלע ווערטער פון נידעריקן פאָלק, וועלכע עס רעדן ביי זיי די פּראָפעסאָרן פון לאַטיין און גריכיש. עפּעס רעדט ער פון גאָר אַן אַנדער וועלט, דער קאַ־פּיטאַן זשאַן־פּיער, אַ וועלט, ווו אַ גאַנץ פאָלק קאָנספּירירט, ווו די מורא פאַרן טויט האַלט נישט אָפּ, נישט דער פרוי, נישט דאָס קינד, נישט די מענער, אַוועקגעריסענע פון זייערע היימען; פון אַן אומבאַקאַנטער וועלט, ווי דאָס טעגלעכע ברויט איז דער אַליאַרם, דאָס ציטער־דיקע פאַנאַנדערוויקלען די פּרימאָרגן־צייטונג — ווער ווייס וואָס פאַראַ נייעס זי וועט ברענגען; וועגן די פּאַרקויפטע, די מוסרים, אָבער אויך

די שטומע באַגייסטערונג, דער אָפּשיין פון אויגן, וועלכע מען דערזעט צום ערשטן מאָל, וועגן מענטשן, וועלכע זיינען קיינמאָל נישט ארויס פון די פינצטערע פאַבריק־שטעט, פון רויך און סירענעס; וועגן איינעם, וואָס האָט מיטגעמאַכט די קריג אין שפּאַניע, אין די לעגענדאַרע בריגאַדעס, און אַפילו וועגן אַ דייטש — יאָ, אַ דייטש, קאָמאַנדאַנט — וועלכן די דייניקע האָבן געפּייניקט אין דער גרויזאַמער מתים־פאַבריק פון דאַכאַו, און איז פונדעסטוועגן אַנטרונען. אַ דייטש, וואָס רעדט טרויעריק וועגן דייטשלאַנד. גאָר אַן אַנדער דייטשלאַנד, קאָמאַנדאַנט פאַן ליטוויטס ראַנאַו...

— מיר קומען אָן — זאָגט דער הויכער, דער שוואַרצער.

מיטן רעוואָלווער אין רוקן, שטייגט דער קאָמאַנדאַנט אויס. מ'וועט אים דאָ אַביסל אַרומפירן און ווייזן אַ שטעטל אויפן אָפּהאַנג, ווו דער וועג ברייטערט זיך אויס,צו בילדן אַ קליינעם פּלאַץ מיט אַ פאָנטאַן, נישט גאַנץ אינמיטן, אַ באַסיין פון שטיין, ווו דאָס וואַסער מורמלט. אַלץ איז דאָ וויים און די הייזלעך זיינען געווייגלעכע. פאָראויס, קאָמאַנדאַנט! פּלוצים זיינען עס מער נישט קיין הייזער — חורבות, אַנגעוואַלגערטע בעלקער, שטיקער אייזן און פענצטער מיט אויסגעזעצטע אויבן; און איין פענצטער, מען ווייסט נישט דורך וואָס פאַראַ וווּנדער, קרעכצט.

— געווען דאָ 800 איינוווינער — זאָגט דער גייסטלעכער — אין איינעם אַ זונטיק זיינען

אייערע אוויאָנען געקומען און האָבן זיך אראָפּ־געלאָזן נידעריקע, נידעריק. אלץ האָבן זיי צע־שטערט; אָבער נאָך צוויי חדשים זיינען די מענ־טשען פון דאָנען, ווי מוראשקעס, צוריק ארוים־געקראָכן, אלמנות, קינדער מיט אָפּגעהאַקטע הענט, מיט אָפּגעהאַקטע פיס, האָבן צוזאַמענגע־נומען דאָס איבערבלייבעניש פון אַ בעט, פאַר־שטאָפּט די אויסגעהאַקטע שויבן. דאָס לעבן האָט לאַנגזאַם ווידער אָנגעהויבן. זיינען זיי נאָכאַמאָל געקומען, דיינע לייט, און האָבן אלץ אוועקגעלאָזן מיטן פייער. פרויען זיינען גע־שפּרונגען אין די פלאַמען. ס'איז געווען אין 1942. דעם לעצטן סעפּטעמבער האָבן זיי נאָך דאָ אויבן דערשאָסן דריי יינגלעך, וואָס זיינען נאָך קיין זיבעצן יאָר נישט אלט געווען.

— ס'איז קריג... טרויעריק דער קריג... — מאַכט דער קאָמאַנדאַנט.

זיי האָבן זיך אומגעקערט צום אויטאָ. דער פאַנטאַן האָט נאָך אלץ געמורמלט. ווידער די וועגן, די לבנה און די טונקעלעביימער, די אומגעוויינלעכע שנעלקייט פון דער מאַשין. גע־רעדט האָט זשאַן־פּיער. פון צייט צו צייט האָט מען זיך פאַרהאַלטן. נאָך אַ שטעטל, חורבות. מענטשן וואָלטן דאָ אַזוי ווייטער רואיק געלעבט ווען נישט די קריג, ווען נישט דער דורכגאַנג פון אַ ווילדער האָרדע. די מיידלעך פאַרגוואַל־טיקט, די אויגן פון די פאַרוואונדעטע אויסגע־שטאָכן.

דער קאָמענדאַנט אָטעמט שווער:

— ס'איז קריג...

און דער גייסטלעכער האָט ווידער געלאַכט זיין געלעכטערל.

זיי האָבן אים געברענגט צו די הויכקייטן, ווו ביים אַראָפּהאַנג, אַמאָל רעכטס און אַמאָל לינקס, איז געשטאַנען אַ פאַראיינזאַמט הויז. קיין איינס האָבן זיי נישט דורכגעלאָזן. זיי זיינען אַדורך ווי אַ שטורעם פון אייזן און פייער.

— ביסט אויפגעצויגן אין דער פּראָטעסטאַנטישער רעליגיע? — האָט געפרעגט דער גייסטלעכער. דער קאָמאַנדאַנט האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און דאָס אַלץ דערמאָנט דיר גאָרנישט?

— יאָ.

עטלעכע אָפּגעריסענע פּסוקים פון דער ביבל טויכן אויף אין זיין זכרון, פון דער ווייטער קינדהייט. ער ציט מיט די אַקסלען און מאַכט אין אַ טאָן פון טיפער איבערלעבונג:

— זי איז שוידערלעך, די קריג...

אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי אים אַזוי אַרומגעפירט. אין איינס אַ שטעטל האָבן דייטשע וואַכליים זיי נאָכגעשריען. זיי זיינען אָבער געפלויגן אַזוי שנעל, אַז די שיסעריי נאָך זיי האָט נישט דערגרייכט. די לבנה איז אַצינד אַראָפּ נידעריקער צום האָריזאָנט. אין די אַלע ערטער זיינען דורכגעפירט געוואָרן שחיטות און דער קאָמאַנדאַנט איז נישט מיד געוואָרן צו מורמלען: „ס'איז קריג". זשאַן פּיער האָט דערציילט אָן איבערייס און הילכיק די בלוטיקע געשיכטע:

— . . . און ווען כ׳האָב שוין געמוזט אוועק, איז פּאָליציי געקומען צו מיין פרוי, ברוטאַל זי באַליידיקט... איז זי אַוועק צו מיין מוטער, דריי הונדערט קילאָמעטער פונדאַנען, אין אַ גרויסער שטאָט. ווי אַזוי ווילט איר זי זאָל נישט פאַרזעצן, אַז אַלע מיינע פריינט און אַלע... איך פאַרשטיי איר מאַרין... ווען איך וואָלט כאָטש דאָרט געווען. ס׳איז גענוג געווען מען זאָל נעמען רעדן פון פראַנקרייך, די טרערן זאָלן נעמען שטיקן... זי האָט געהאַט צופיל צוטרוי און איז געווען אומפאַרזיכטיק. איך הער נאָך איצט ווי די מאַמע האָט זי געשטראָפט און — געהאָלפן זי. צי האָבן זיי דען געקענט אַנדערש? מען האָט זיי דערנאָך אַלע געכאַפּט ביי מיין מוטער... זיבעציק יאָר איז זי אַלט געווען, מיין מוטער, ווען זי איז אויסגעגאַנגען אין פול־געפּאַקטן צוג... און מאַרי... מען זאָגט, אַז זי איז ערגעץ אין דייטשלאַנד... קיין בריוו קומען נישט...

דאָ, פאַרשטייט ער, דער קאָמאַנדאַנט, מוז מען אומבאַדינגט עפּעס זאָגן:

— אייער מוטער... כ׳וואָלט פאַרשטאַנען, ווען זי וואָלט כאָטש געווען אַ יידישע, אָבער... דאָס געלעכטערל פון גייסטלעכן. ער לאַכט אַרויס אַלעמאָל, ווען מען דאַרף נישט. פאַרהאַלטן האָט מען זיך אין אַ פערמע. ס׳איז נישט זייער טונקל צו דערזען, אַז די פערמע איז אַ פאַרלאָזענע. אַ גרויסע היי־שטאַל, העכער ווי דאָס הויז. פאַר דער ברייטער טיר האָבן די דריי מענטשן אונטערגעשטויסן דעם געפאַנגע־

נעם. דעם קאָמאַנדאַנט איז דורכגעפלויגן: „שוין, דאָ איז עס" און ער האָט אַרונטערגענומען דעם מאָנאָקל, נישט צו זען...

— ריר אָן דאָס האָלץ — מאַכט זשאַן פּיער — דאָ... איצט קענסטו עס נישט זען. ביי טאָג זעט מען נאָך אָן די בלוט־פלעקן. אין דער דאָזיקער פערמע האָט געלעבט די משפּחה פון איינעם פון אונדזערע מענטשן. דריי זין האָבן זיי געהאַט. דער עלטערער איז אומגעקומען אין סיריע. יאָ, מיט די מענטשן פון פּעטען... ער האָט נישט פאַרשטאַנען, מען האָט עס אים פריער געהאַט געזאָגט... אָבער די איבעריקע צוויי... דער קלענסטער איז נאָך געווען צו יונג; דער מיטלסטער איז געווען פון מיין גרופּע, פאַרשטייסטו שוין אַליין... מיט אַ חודש אָן ערך, מיט זעקס וואָכן צוריק, זיינען זיי געקומען אַהער אים פאָדערן. זיי האָבן געזאָגט, אַז אויב ער שטעלט זיך נישט צו, וועלן זיי נעמען דעם פאָטער. איז ער אַנטלאָפן, דער פאָטער. זיינען זיי צוריקגעקומען און , אין די אויגן פון דער מוטער — הער, דייטשער ריכטער! — אין די אויגן פון דער מוטער, האָבן זיי אים צוגענאָגלט.

— אומגלויבלעך! — פּראָטעסטירט דער קאָמאַנדאַנט — מען האָט אייך אפשר דערציילט... אָדער דער קליינער איז באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן...

נאָכאַמאָל דאָס געלעכטערל פונעם גייסטלעכן; אַ געלעכטערל, וואָס קען פאַרקילן ס'בלוט אין

די אָדערן. און אזויווי ער האָט ווידער אָנגעטאָן דעם מאַנאָקל, דער קאָמאַנדאַנט, האָט ער געזען ווי דער גייסטלעכער רירט אָן די טיר.

— וואָס פאַרא פאַרברעכן, מיין ליבער הער, וואָס פאַרא פאַרברעכן? זעקס יאָר איז ער אַלט געווען... איך אַליין האָב אים אַרונטערגענומען פונדאַנען... זעקס יאָר...

ער האָט שוין מערנישט געלאַכט. געוויינט האָט ער. די ביקס אויף זיין אַקסל האָט מיט־געציטערט. דער הויכער, דער שווארצער, האָט אַ זאָג געטאָן:

— זיין ברודער איז עס געווען...

האָט ער זייער מורא באַקומען, דער געפאַנ־גענער און האָט אַרויסגעבראַכט פאַרשטיקט: „טויט מיר דאָ באַלד אויפן אָרט"...

אָבער די שטימע פון זשאַן פיערן האָט טרוקן איבערגעהאַקט:

— כדי דו זאָלסט, פּגרנדיק, טראַכטן, אַז מיר נעמען נקמה?...אַ, דאָס נישט!

אין וואָגן, וואָס האָט זיי אַוועקגעפירט ווייַ־טער, זיינען דאַסמאָל אַלע געווען שווייגנדיק. זיי האָבן זיך דאָרט עפּעס באַראַטן, באַלויכטן מיט אַ טאַשן־לעמפּל אַן אויסגעשפּרייטע קאַר־טע. דער גייסטלעכער האָט גערויכערט אָן איבע־רייס. דאָס פּלעמל האָט דעם קאָמאַנדאַנט נאָכאַ־ואַנד דערמאָנט אין פלאַם פון דער ביקס. דאָס־מאָל, ביים אָפּשטעל, האָט ער ווידער געמיינט, אַז זיין לעצטע מינוט איז געקומען. מער פון אַלץ האָט ער זיך געשראָקן פאַר די פּייניקונגען.

א פראַנצויז אין די הענט ביי די דייטשן וואָלט זיכער געפּיינקיט געוואָרן פאַר אזא געשיכטע מיט א קינד...

ס'האָט געגומען קוים ליכטיקן, ווען זיי האָבן זיך צום לעצטן מאָל פאַרהאַלטן. ס'איז געווען דער רוקן פון א בערגל, אָפּגעטיילט פון א וואַנט ביימער צו צוויי פעלדער, דער וואַלד קעגנאיבער און לינקס, ביים וועג, א קליינע קירכע, אָן גלאָקן, אביסל ווייטער האָבן די הייזלעך זיך געטוליעט איינס אין צווייטן.

„וואָס נאָך ווילן זיי מיר דאָ באַווייזן?" — האָט ער זיך געפרעגט, מיד און אויסגעשעפּט, נאָך דער נאַכט. קליינע, צעריסענע וואָלקנדלעך אויפן הימל און אזא העלקייט איז אויפגעשטיגן פון דאָרט, וו דער קאָמאַנדאַנט האָט גאָר גע־גלויבט, אַז ס'איז דער מערב. דאָ זיינען שוין געווען מענטשן. א האָן האָט געקרייעט, א רויך איז אויפגעגאַנגען פון הייזלעך.

דאַסמאָל האָט זיך צו אים דער הויכער, דער שוואַרצער געווענדעט:

— דאָ מעגסטו אראָפּנעמען דאָס היטל, קאָ־מאַנדאַנט. דו ווייסט כאָטש וו דו געפינסט זיך ?

— ניין... — האָט ער געשטאַמלט.

— זעסט אָט די וואַנט? גאָרנישט קיין אוי־סערגעוויינלעכס. א וואַנט פון א שייער. זיבן זיינען זיי דאָ געווען. איינער האָט דעם אַנדערן אפילו נישט געקענט. א פרוי פון שטעטל מיט איר פּיצלס פון זיבעצן מאָנאַט אויף איר אָרעם.

וואָס האָט זי דען פאַרבראָכן? מען ווייסט נישט. דריי מענטשן האָבן זיי מיטגעברענגט פון אונ־טען. אַן אומבאַקאַנטן און — דעם דאָקטער. מען וועט נאָך אין איינעם אַ טאָג קומען אַהער, ווו דער דאָקטער איז געשטאָרבן, עס וועט דאָ זיין אַ מאָנומענט פון מאַרמאָר, אָדער פון בראָנז. מען וועט קומען אָנקוקן... איך, זעסטו, גלויב נישט אין גאָט און נישט אין טייוול. נאָר אויב עס וואָלט געווען אַ גאָט, וואָלט אָט דער מענטש, וואָס האָט אויך נישט איבעריק גע־גלויבט, געווען אַ הייליקער....

— מען וועט נאָך אפשר — מאַכט דער גייסטלעכער — דאָך מאַכן פון אים אין איינעם אַ טאָג אַ הייליקן.

— וועסט אויסגיין די גאַנצע געגנט דאָ — רייסט איבער דער הויכער, דער שוואַרצער — און רעד זיי וועגן דאָקטער. נישטאָ קיין מענטש דאָ, וועלכן ער האָט מיט עפּעס נישט געהאָלפן. קיין שום קינד איז נישט געבוירן געוואָרן אָן זיין הילף. קיין שום זקן איז נישט געשטאָרבן אָן אים. מען האָט אים אויפגעוועקט אינמיטן נאַכט און ווינטער, אין די גרעסטע שנייען, איז ער געקומען צולויפן. צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד אַזוי, אָן אָפּרו. און די פּאַרטיזאַנען... דער דאָקטער האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָפּגעזאָגט זיין הילף. אין נ... זיינען קיין דייטשן נישט געווען. אָבער — דער אייגנטימער פון האָטעל, אַ הייסער דאָריאָ׳טיסט, און — דער מעבל־פּאַבריקאַנט. זיי האָבן שוין אַלץ געוווסט, די דייטשן. דעם דאָקטער האָבן זיי מערדערלעך

געשלאָגן אין די אויגן פון זיין פרוי. „כ'האָב גאָרנישט וואָס צו דערציילן" — האָט ער גע־ענטפערט. א גאַנצע נאַכט אַזוי. און באַגינען, אין דער שעה, האָבן זיי אים געברענגט אַהער, מיט נאָך מענטשן, אָט די אומגליקלעכע פרוי מיטן קינד אויפן אָרעם... ביי אָט דער וואַנט, א געוויינלעכע וואַנט פון א שייער...

א געוויינלעכע וואַנט פון א שייער און דער קאָמאַנדאַנט האָט אַרונטערגענומען זיין מאַ־נאָקל, נישט צו זען מער. ס'איז אים נאָך פונ־דעסטוועגן דורכגעפלויגן, אַז ווען מען גיט אים א געלעגנהייט, וואָלט ער נאָך געקאָנט זיין נוצלעך אָט די פראַנצויזן, איבערגעבן זיי אַזוינס וואָל די לאָמטע וויים נישט... ער האָט נאָכנישט געקענט אַרויסברענגען „שיסט שנעלער", ווייל דער פחד איז נאָך אַלץ גרויס געווען ביי אים, די מורא פאַר פייניקונגען, פאַרן טויט. וועגן דייטשלאַנד האָט ער שוין איבערהויפט מער נישט געטראַכט. די שטים זיינע האָט געציטערט:
— שיסט...

אָבער דער גייסטלעכער האָט ווידער געלאַכט זיין געלעכטערל און דער קאַפּיטאַן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, זשאַן פּיער, האָט זיך אָפּגערופן:

— וואָלסט אפשר געוואָלט מען זאָל פאַר־שמוציקן די ערד, ווו ס'איז גערונען דאָס בלוט פון אונדזערע העלדן,...

און דעמאָלט האָבן זיי גום אָפּגעפירט א הונ־דערט מעטער פונדאַנען און ביים זייט וועג, ווי א הינדל, האָבן זיי אים אַוועקגעלייגט.

אויסגאַבעם פון דער יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק:

ב. מאַרק — דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ

י. שפיגעל — שטערן איבערן געטאָ

דיאַדיאַ מישאַ (אינזש. מ. גילדענמאַן) אויפן וועג צום זיג

דער דענקמאָל פון יידישער גבורה און מאַרטירערטום

משה שולשטיין — צווישן רואינען און רושטאָוואַניעס

IMPRIMERIE ABÉCÉ
11, RUE LOUIS BLANC
PARIS - X·